# שיחות לפרשת נח משנת תשע"ג לפ"ק

## פתיחה לזמן החורף לבחורי קהלתנו הק'

יום א' פרשת נח תשע"ג לפ"ק

**מען** האלט אנהייב פון א זמן, עס איז דער סדר אז מען רעדט א פאר ווערטער פאר די בחורים. איך בין נישט מחדש קיין חידושים, מען גייט נאר איבער זאכן וואס יעדער ווייסט. דברי תורה צריכים חיזוק (ברכות לב:), דברי תורה דארף האבן חיזוק. עס איז א זמן וואס א בחור שטייגט, און ער דארף וויסן ווי אזוי אויסצונוצן די פאר יאר וואס מען געפונט זיך אין די ישיבה. וואס זיין שאיפה דארף צו זיין, וואס ער דארף שטרעבן, ווי אזוי ער דארף עס אויסנוצען, כדי ער זאל קענען צוקומען צום ריכטיגן שלימות.

**די** וואך אין די פרשה (בראשית ו-יא), פארציילט די תורה אז עס איז געווען א פארדארבענע וועלט. ותשחת הארץ לפני האלקים, די וועלט איז געווען פארדארבן פארן אייבערשטן, ותמלא הארץ חמס. און דער באשעפער האט געזאגט, קץ כל בשר בא לפני, כי מלאה הארץ חמס מפניהם, והנני משחיתם את הארץ, מען קען נישט אנהאלטן אזא וועלט וואס איז אזוי פארדארבן. דער באשעפער האט געהייסן פאר נח ער זאל מאכן א תיבה, קנים תעשה את התיבה, און ער, מיט די גאנצע משפחה וואס זענען געווען ערליך, זאלן זיין אין די תיבה, און דער באשעפער האט מכלה געווען די גאנצע וועלט.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז עס ליגט אין דעם א רמז, אז ווען מען לעבט אין א תקופה וואס די גאנצע וועלט איז פארדארבן, איז די עצה דערויף, אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך, ארייננצוגיין אין א תיבה, זיך אפזונדערן פון די וועלט, אין די תיבה קען מען זיך פירן ערליך. וואס איז די תיבה היינט? די בתי כנסיות און די בתי מדרשות, די ישיבות, די זענען די תיבה וואו מען ווערט אפגעזונדערט פון די אומות העולם, און מען קען אדורכלעבן דאס לעבן און זיך פירן ערליך. - און די תיבה איז געשווימען על פני המים (ז-יח), עס שווימט אויפן וואסער, אין מים אלא תורה (בבא קמא יז.), מים דאס איז תורה הק'. ווען א מענטש זיצט אין א תיבה, און ער שווימט אין די מים פון די תורה, דאס איז דער וועג ווי אזוי א מענטש קען ניצול ווערן פון א דור המבול.

*

**ביי יעדע זאך, איז די תורה מחשיב דעם ראשית, דער אנהייב.** פון די פארמעגן וואס א מענטש האט, דארף מען געבן פארן אייבערשטן דעם ראשית. תבואה קענסטו נישט עסן, עס איז טבל, עס איז דא א חיוב מיתה, ביז דו ווערסט אראפנעמען דעם ראשית, און עס אוועקגעבן פארן אייבערשטן, נאכדעם קענסטו עסן די איבריגע תבואה. ווען דו מאכסט א טייג, קען מען נישט עסן די טייג, עס איז טבל, ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ), מען דארף אראפנעמען די ערשטע טייג, און עס אוועקגעבן פארן אייבערשטן. וואל וואס איז געוואקסן אויף די שאף קען מען נישט נוצן, ביז מען נעמט קודם דעם ראשית הגז, און מען גיט עס אוועק פארן באשעפער, מיט דעם איז מען מקדש וואס מען האט, ווייל אלעס איז תלוי אין דעם ראשית.

**די** זעלבע איז אויך אין די צייט פונעם לעבן פון א מענטש אויך. ראש השנה, דעם ערשטן טאג פונעם יאר, איז מען מקדש פארן אייבערשטן. מען זיצט א גאנצן טאג אין בית המדרש, און מען דינט דעם באשעפער, כדי ארייננצוגעבן א חיות אין דעם יאר. יעדן טאג, דער ראשית, די ערשטע דיבור, זאגט ער פארן אייבערשטן. ווען א מענטש עפענט זיך די אויגן, זאגט ער מודה אני. די ערשטע פעולה וואס ער טוט, וואשט ער זיך אפ די הענט, ער איז זיך מקדש פארן באשעפער. יעדע זאך וואס א מענטש טוט,

דארף מען מקדש זיין דעם ראשית פארן באשפעער. און אז מען איז מקדש דעם ראשית, לויט דעם ווערט נאכדעם נגרר דאס איבריגע. בתר רישא, גופא אזיל (עירובין מא.), אלעס ווערט נגרר לויטן ראשית.

**און** די זעלבע איז אויך אנהייב זמן. **ווי אזוי א מענטש שטעלט זיך אויס אין דעם אנהייב פונעם זמן, מיט וואס פאר א חשק ער קומט אריין אין בית המדרש לערנען, מיט וואס פאר א שאיפה ער וויל גומר זיין דעם זמן, אזוי וועט זיך עס בדרך כלל פירן.** אויב עס פעלט דער ראשית, מען איז נישט מקדש דעם אנהייב, מען קומט אריין אן א חשק, אן א שאיפה וואו ער וויל אנקומען, און וואס ער וויל אויסוואקסן, ער קומט נאר אין ישיבה, ווייל מען דארף גיין אין ישיבה, אזוי קען מען נישט מצליח זיין! א מענטש דארף מקדש זיין דעם אנהייב פארן אייבערשטן, דעמאלטס קען ער האבן הצלחה.

**דער** אנהייב לעבן פון א מענטש איז אויך אזוי, די ערשטע צוואנציג יאר פון א מענטשנ'ס לעבן, איז מען מקדש פארן באשפעער. מען זיצט אין בית המדרש, אין תלמוד תורה, אין חדר, אין ישיבה, אין מתיבתא, אין כולל. די ערשטע יארן דארף מען אוועקגעבן פארן באשפעער. און אז מען גיט אוועק די ערשטע יארן פארן אייבערשטן, בויט זיך אויף דער מענטש, און נאכדעם קען ער ווייטער מצליח זיין.

**און דאס איז זייער וויכטיג אין אנהייב זמן, ווען מען קומט אריין אין ישיבה לערנען, דארף ער וויסן, איך וויל שטייגן. יעדער קען שטייגן, עס איז נישט דא קיין איינער וואס קען נישט צוקומען צו שטייגן אין תורה. יעדער קען אויסוואקסן א עובד ה', דאווענען, זיך פירן מיט מידות טובות, יעדער קען צו דעם צוקומען.** אין לך דבר שעומד בפני הרצון (זוה"ק ח"ב קסב:), עס איז נישט דא קיין זאך וואס שטייט אקעגן רצון, מען דארף נאר וועלן. און ווי אזוי ער קומט אריין אנהייב פונעם זמן, און ער וויל צוקומען דערצו, אזוי וועט ער שפעטער נתעלה ווערן.

*

**די** תורה הק' זאגט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז דער נחש, וואס איז דאך געווען דער יצר הרע, האט צוגערעדט חוה מיט אדם הראשון צו זינדיגן. און דער באשפעער האט אים געזאגט, אז ער וועט אייביג האבן א קריגעריי מיטן מענטש. 'הוא ישופך ראש', דער מענטש וועט דיך קלאפן אויפן קאפ. ווען מען טרעפט א שלאנג, גיט מען אים א האק אויפן קאפ, כדי צו הרג'ענען דעם שלאנג. און ווען דער שלאנג וויל הרג'ענען דעם מענטש, גייט ער נישט צום קאפ פונעם מענטש, נאר 'ואתה תשופנו עקב', און דו נחש וועסט קלאפן דעם מענטש ביי דעם עקב, אונטען ביי די פיס. א שלאנג קריכט אויף דער ערד, און ער קומט צו צו דעם מענטש, און ער געט אים א ביס, און אזוי הרג'עט ער אים. די תורה גייט נישט סתם פארציילן מעשיות ווי אזוי דער שלאנג מיטן מענטש שלאגן זיך, אז דער מענטש קלאפט אים אויפן קאפ, און דער נחש קלאפט אים ביי די פיס, עס ליגט דא עפעס וואס די תורה וויל ארויסברענגען, ווי אזוי א מענטש דארף זיך קריגן מיט דעם נחש, וואס טוט אים צורעדן נישט צו גיין אויפן ריכטיגן וועג. ווען וועסטו געווינען, און ווען וועט ער געווינען.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פארן נחש, דו זאלסט וויסן, 'הוא ישופך', ער וועט דיך קלאפן, 'ראש', ווען ער וועט אנהייבן ביים ראש. ווען ער וועט תיכף אין אנהייב אנהייבן מיט א חשק, די ערשטע יארן פון זיין לעבן וועט ער אוועקגעבן פארן אייבערשטן, זיין ערשטן חלק פונעם טאג וועט ער אוועקגעבן פארן באשפעער, דער זמן וועט ער אנהייבן מיט א חשק און מיט א חיות. אבער טאמער א מענטש הייבט נישט אן אזוי, מען קען אויך אנהייבן דעם זמן פשוט, קוים מיט חשק, מען וועט שוין זעהן אינמיטן זמן וואס מען וועט טון, ער לאזט עס אויף שפעטער, דעמאלטס וועט ער נישט אנקומען אין ערגעץ. 'ואתה תשופנו', דו וועסט אים קענען קלאפן, 'עקב', ווען ער לאזט עס אויף צום סוף, ער

הייבט נישט אן מיטן ראש, דעמאלטס ווערסטו זיין דער בעל הבית. אבער טאמער מען הייבט אן מיטן ראש, דעמאלטס איז דער מענטש דער בעל הבית.

**החכם** עיניו בראשו (קהלת ב-יד), דער חכם האט די אויגן אינעם קאפ. נאר דער חכם האט זיינע אויגן אין קאפ? יעדער האט די אויגן אין דעם קאפ. א נאר האט אויך די אויגן אין דעם קאפ. נאר דער פשט איז, 'החכם', דער חכם, 'עיניו' ער לייגט זיינע אויגן, 'בראשו', אויפן אנהייב. איך וויל אנהייבן דעם זמן מיט א פרישע חיות, מיט א פרישע חשקות. איך קוק נישט וואס עס איז געווען פאריגע זמן, וואס איז געווען פאריגע יאר, ווי אזוי איך האב ביז יעצט מצליח געווען, אלעס איז נישט מעלה ומוריד. יעצט הייבט זיך אן א נייער זמן, יעצט גיי איך אנהייבן צו שטייגן אין תורה מיט א פרישן חשק. און אז מען הייבט אן מיט א פרישן חשק, דעמאלטס איז מען מצליח!

*

**שלמה** המלך זאגט (קהלת יא-ט), 'שמח בחור בילדותיך', בחור, פריי דיך מיט דיינע יונגע יארן, 'ויטיבך לבך בימי בחורותיך', לעב דיר א גוטן טאג אין דיינע יונגע יארן, 'והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך', גיי נאך וואס דיינע אויגן זעהן. 'ודע', דו זאלסט אבער וויסן, 'כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט', אויף אלעם וואס דו טוסט, וועט דיר דער אייבערשטער ברענגען שפעטער פאר א משפט. זאגט די גמרא (שבת סג:) אז דער פסוק איז זיך סותר, ער זאגט קודם שמח בחור בילדותיך, פריי דיך מיט די יונגע יארן, טו וואס דו ווילסט. און נאכדעם זאגט ער, אז דו זאלסט וויסן, אז איך וועל דיר ברענגען במשפט?

**זאגט** די גמרא, צוויי מענטשן רעדן דא. עד כאן דברי יצר הרע, די ערשטע העלפט פונעם פסוק איז דער יצר הרע, וואס קומט און זאגט שמח בחור בילדותיך ויטיבך לבך בימי בחורותיך. פארוואס דארפסטו הארעווען, פארוואס דארפסטו זיך פלאגן, דו ביסט יונג, גיי לעב א גוטן טאג, פריי דיך אין דיינע יונגע יארן, גיי נאך וואס דיינע אויגן זעהן, גיי נאך וואס דיינע מחשבות ציען דיר, טו וואס א גוי טוט, עד כאן דברי היצר הרע. מכאן ואילך דברי יצר טוב, די צווייטע העלפט פונעם פסוק איז די ווערטער פונעם יצר טוב. דער יצר טוב קען זיך נישט דינגען מיטן יצר הרע, עס איז דא א לעבעדיגע וועלט, אבער ער ענדיגט דעם פסוק, 'ודע', דו זאלסט אבער וויסן, 'כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט', דער אייבערשטער וועט דיך שפעטער ברענגען צו א משפט אויף אלעם וואס מען האט געטון. עס איז דא א חשבון אויף יעדע זאך וואס א מענטש האט געטון, און מען וועט עס שפעטער טייער באצאלן. די משנה (אבות ג-כ) זאגט, החנות פתוחה, דער געשעפט איז אפען, יעדער קען נעמען וואס ער וויל, אבער שפעטער איז דא א בי"ל, יעדע זאך וואס מען האט גענומען, דארף מען שפעטער באצאלן.

**עס** שטייט אין די מפרשים, אז דער פשט דערפון איז. דער יצר הרע מיטן יצר טוב קריגן זיך אינעם מענטש. וואס איז זייער מחלוקת? וואס איז דער ארבעט פונעם יצר הרע, און וואס איז דער ארבעט פונעם יצר טוב? **דער יצר הרע זאגט פאר א מענטש, קוק נאר וואס דו זעהסט 'יעצט' פאר דיינע אויגן! טראכט נישט פון שפעטער. וואס האסטו צו טראכטן, וואס עס וועט זיין נאך הונדערט און צוואנציג יאר, פארגעס דערפון, קוק וואס איז יעצט, יעצט איז גוט, א וועלט, מען לעבט, מען קען טון וואס מען וויל, גיי נאך, נאך די הנאות פון די וועלט. דער יצר טוב זאגט פאר א מענטש פארקערט, דו זאלסט וויסן, קוק נישט וואס עס איז יעצט. דו ביסט דאך א מענטש, דארפסט קוקן וואו דו וועסט אנקומען, וואס וועט זיין דער תכלית דערפון. דו דארפסט קוקן וואס עס וועט זיין לעתיד, און לעתיד וועסטו אפגעבן א משפט אויף יעדע זאך.**

**דאס** קריגט זיך דער יצר הרע מיטן יצר טוב. דער יצר הרע זאגט, מען זאל קוקן נאר וואס איז

יעצט, און דער יצר טוב זאגט, אז מען זאל קוקן וואס וועט זיין שפעטער. 'עד כאן' דברי יצר הרע, דער יצר הרע זאגט 'עד כאן'. קוק נאר ביז אהער, קוק נישט אויף ווייטער. שמח בחור בילדותיך, ער גיט אים אלע תענוגים פון דער וועלט, גיי נאך די תענוגים פון די וועלט, קוק נישט וואס עס וועט זיין שפעטער. 'מכאן ואילך' דברי יצר טוב. די ווערטער פונעם יצר טוב איז, 'מכאן ואילך'. קוק נישט וואס איז ביז יעצט, נאר קוק וואס עס וועט זיין נאכדעם.

**'הוא** ישופך ראש, דער מענטש וועט זיך דארפן שטענדיג שלאגן מיט דיר, 'ראש', אויב דו ווערסט אים אייביג זאגן, אז ער זאל נאר קוקן אויפן אנהייב. 'ואתה תשופנו' און דער נחש וועט זיך שלאגן מיטן מענטש, 'עקב', ווען דער מענטש וועט זאגן, איך גיי קוקן וואס וועט זיין צום סוף. דאס וועט זיין די מחלוקת צווישן דעם נחש מיטן מענטש. דער נחש זאגט אייביג קוק נאר 'וואס איז יעצט', און דער יצר טוב זאגט, 'קוק נישט וואס איז יעצט, קוק וואס וועט זיין שפעטער'. איזהו חכם, הרואה את הנולד (תמיד לב.). וואס מען זעהט יעצט, קען א נאר אויך באמערקן, א חכם זעהט מער פון וואס מען זעהט פאר די אויגן. און דאס איז טייטש אז יודען זענען אן עם חכם ונבון, מיר זענען א קלוג פאלק, ווייל מיר קוקן נישט וואס איז 'יעצט', נאר מיר קוקן וואס וועט זיין שפעטער. 'החכם עיניו בראשו', דער חכם האט זיינע אויגן, אויף זיין אנהייב, צו זעהן וואו עס וועט אים פירן.

**יעדער בחור דארף זיך מאכן א חשבון, נישט אויף וואס איז יעצט, נאר קוקן, יעצט דארף מען זיך טאקע פלאגן. אז מען וויל אויסוואקסן א תלמיד חכם קומט עס נישט אן גרינג, מען דארף זיך אינגאנצן אוועקגעבן פאר תורה, מען דארף זיך מקדיש זיין פאר תורה, עס זאל אים נישט אינטערעסירן גארנישט אויף דער וועלט. עס אינטערעסירט מיך נישט קיין עסן, קיין שלאפן, קיין שמועסן, איך וויל איין זאך, איך וויל קענען די מסכתא וואס מען לערנט, און איך וויל קענען די הלכה וואס מען לערנט. דאס יאר וועל איך קענען אי"ה איין מסכתא, דאס קומענדיגע יאר וועל איך קענען נאך א מסכתא, דריי מסכתות, פינף מסכתות, איך וויל ערגעץ אנקומען און אויסשטייגן אינעם לעבן.** דאס איז דער חכם וואס איז עיניו בראשו, וואס ער איז א רואה את הנולד, ער קוקט נישט אויף יעצט, ער קוקט אויף שפעטער.

**און** ב"ה מען רעדט צו קלוגע בחורים [קיינער איז דאך נישט קיין נאר], וואס איז טייטש אז ער איז קלוג? קלוג איז נישט טייטש, אז ער ווייסט נאכצוגיין נאך עולם הזה, ווייל יעדער איינער זעהט וואס עולם הזה איז. א קלוגער בחור איז טייטש, וואס איז גרייט אויפצוגעבן פון זיך יעצט, כדי ער זאל קענען צוקומען צו א תכלית שפעטער. דאס איז דער חכם עיניו בראשו, א מענטש דארף נישט קוקן אויף יעצט, נאר קוקן אז ער זאל קענען שפעטער אויסשטייגן און אויסוואקסן.

*

**יעדער בחור, און יעדעס קינד וואס ווערט געבוירען, איז נישט ערוואקסן. קיינער איז נישט געבוירען געווארן בשלימות, יעדער מענטש דארף הארעווען כדי ער זאל צוקומען צו א מדריגה.** קיינער איז נישט געבוירן געווארן א תלמיד חכם, קיינער איז נישט געבוירען געווארן אז אלע מידות זענען ביי אים אויסגעארבעט. אין גם אחד, עס איז נישט דא איינער וואס איז אזוי. יעדער מענטש איז געבוירען געווארן מיט חסרונות, און מען דארף מטפל זיין מיט זיך. **כדי מען זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, דארף מען לערנען. כדי מען זאל אויסוואקסן א עובד ה', דארף מען הארעווען. כדי ער זאל אויסוואקסן א בעל מידות טובות, דארף ער ארבעטן דערויף, און צוביסלעך צוביסלעך, נאך א זמן, נאך א זמן, ביז ער קומט צו, צו זיין שלימות.** אבער אויף יעדן מענטש איז דא א ארבעט וואס ליגט אויף אים, וואס ער דארף זיך מטפל זיין דערמיט.

**ער ווייסט דאך אבער נישט ווי אזוי, אויף איז דא א ישיבה, מען קומט אין א מקום תורה, וואו דארט זענען דא מגידי שיעורים, דארט זענען דא**

**משגיחים, מנהלים, ראשי ישיבות, וואס זיי טוען ווייזן דעם וועג פאר א בחור, ווי אזוי מען דארף זיך אויסלערנען צו לערנען תורה, ווי אזוי מען דארף זיך פירן איידל, ווי אזוי מען דארף אויסוואקסן אן עובד ה'. צו דאס איז דורך די מוסר שמועסן וואס מען הערט, און אמאל קומט אויס אז מען רעדט פריוואט, דאס איז דער וועג ווי אזוי מען שטייגט און מען וואקסט אויס.**

**די גרעסטע שלעכטס וואס א בחור קען טון פאר זיך איז, אז ער הערט נישט צו וואס מען רעדט צו אים. ער איז געווג קלוג, ער פארשטייט אלעס אליין, מיר זאל מען נישט זאגן קיין מוסר, מיר זאל מען נישט זאגן וואס איך האב צו טון, איך ווייס וואס איך דארף צו טון, ווייל דעמאלטס וועט ער בלייבן אזוי ווי ער איז געבוירן געווארן, ער וועט נישט שטייגען!**

*

**די עיקר עבודה פון א איד אין די יונגע יארן איז, צוצוהערן צו וואס מען זאגט אים. יעדעס ווארט וואס מען הערט, דארף מען טראכטן, וואס איז דאס נוגע פאר מיר, וואס קען איך מיך פון דעם לערנען, ווי אזוי קען איך דאס אויסנוצן פאר מיינעט וועגן אז איך זאל קענען שטייגן. און דורכדעם וואס מען הערט צו, מען לייגט צו א אויער צו הערן די מוסר וואס מען הערט, דאס איז דער וועג ווי אזוי מען קען אויסשטייגן. ווען מען הערט מוסר וואס דער מגיד שיעור זאגט פאר א בחור, פארוואס לערנסטו נישט, פארוואס דאווענסטו נישט, פארוואס קוקסטו אויס אזוי, ווערט מען נישט בא-בלאזן, עס טוט ווי, מען האט מיר מוסר געזאגט, נאר מען דארף זיך פרייען, ב"ה עס איז דא איינער וואס קוקט זיך אים אויף מיר, און ער וויל מיך לערנען דעם וועג ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. מען מיינט נישט ווי-צוטון פאר יענעם, מען וויל נישט יענעם טשעפן, ער וויל נאר יענעם פירן אויפן ריכטיגן וועג, וויסן וואס ער האט צו טון! מען דארף זיך פרייען ווען מען קען הערן מוסר. און אז מען קען הערן אן הדרכה ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, דארף עס זיין ביי אים א שמחה.**

**איינע** פון די זאכן וואס שטייט אין רמב"ם (הל' תשובה ד-ב) וואס איז מעכב תשובה, אז א מענטש זאל זיך נישט קענען צוריקקערן צום ריכטיגן וועג, איז השונא את התוכחות, ווען א מענטש האט פיינט צו הערן קריטיק, ער האט פיינט תוכחה, קיינער זאל מיך נישט קריטיקירן, צום סוף בלייבט ער אזוי ווי ער איז, ער וועט נישט קענען חוזר בתשובה זיין. ווייל אוזן שומעת תוכחת חיים, א אוזן וואס הערט מוסר, א אוזן וואס הערט קריטיק, בקרב חכמים תלין (משלי טו-לא), דער וועט אויסוואקסן א חכם.

**ביי** קינדער אינדערהיים איז אויך די זעלבע. **ווען דער טאטע זאגט עפעס א ווארט, צו די מאמע זאגט א ווארט, מען קריטיקירט דיך פארוואס האסטו אזוי געטון, ער קען עס נישט הערן. פארוואס האט מען מיך קריטיקירט? פארוואס האט מען מיר געזאגט א זאך וואס איך טו נישט ריכטיג? ער טוט טאקע נישט ריכטיג. די מאמע מיינט דיך צו טשעפן? דער טאטע מיינט דיך צו טשעפן? מען מיינט דיר נישט צו טשעפן, מען וויל דיך לערנען, דו ביסט א קינד, דו פארשטייסט נאך נישט אלעס, דו ווייסט נישט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. און ווען מען זאגט דיר עפעס, דארפסטו עס מקבל זיין מיט א שמחה, אז מען טוט מיך אויסלערנען צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.** דאס איז די תוכחה וואס א איד דארף מקבל זיין, הערן מוסר, און ווען עס קומט אויס צו הערן, זאל ער טראכטן פאר זיך, ווי אזוי גיי איך אויספירן די זאך הלכה למעשה.

**מען** זעהט ביי דוד המלך, אז ער האט געהאט איין חטא וואס ער האט געזינדיגט, און דער אייבערשטער האט געשיקט נתן הנביא, ער זאל אים זאגן מוסר אויף די עבירה וואס ער האט געטון. און אפילו אויף דעם איינעם חטא, זאגט די גמרא (שבת נו.) כל האומר דוד חטא, איינער וואס זאגט אז דוד האט געזינדיגט, אינו אלא טועה, איז עס א טעות. עס האט אויסגעקוקט ווי א חטא, עס איז געווען מעין פון א חטא, אבער על כל פנים עס איז נישט געווען אזא חטא ווי מיר רופן אן א חטא. און דער אייבערשטער האט געשיקט נתן הנביא זאל אים

זאגן מוסר. און עס איז דא א גאנצע קאפיטל אין תהלים (קאפיטל נ"א), מזמור לדוד, דוד האט געזאגט א מזמור, כאשר בא אליו נתן הנביא, ווען נתן הנביא איז געקומען צו אים, און ער האט אים מוסר געזאגט, כאשר בא אל בת שבע, בשעת ער האט געזינדיגט מיט בת שבע. און דוד המלך גיסט זיך דארטן אויס די הארץ פארן אייבערשטן, און ער טוט תשובה אויף דעם חטא וואס נתן הנביא האט אים געזאגט מוסר.

**דוד** המלך הייבט אן דעם קאפיטל מזמור לדוד, ער האט געגעבן א געזאנג פארן אייבערשטן, כאשר בא אליו נתן הנביא, ווען נתן הנביא איז געקומען. נתן הנביא זאגט מוסר פאר דעם מלך ישראל, דער גרעסטער וואס איז דא ביי יודען, און עס אהרט אים בכלל נישט אז מען איז אים געקומען זאגן מוסר. און אפילו עס אהרט אים נישט, אבער על כל פנים אפשר שלינגט ער עס נאר אראפ, און ער איז עס מקבל ווייל ער האט נישט קיין ברירה. ניין, נאר 'מזמור' לדוד, ער האט גאר געזאגט א מזמור, איך דאנק דעם אייבערשטן, איך געב א מזמור פארן באשעפער, אז דער באשעפער האט מיר געשיקט נתן הנביא ער זאל מיך מוכיח זיין, און ער זאל מיר זאגן דעם ריכטיגן וועג וואו איך דארף צו גיין. - **דאס איז די חכמה פון א מענטש, אז ער איז מקבל. וואס ער הערט מוסר, וויל ער מקבל זיין. נישט אז עס טוט אים וויי ווען מען זאגט אים, נישט ער איז ברוגז אז מען האט אים געזאגט, נאר אדרבה, איך וואלט זיך געבעטן אז מען זאל מיך מוכיח זיין, בעטן דעם מגיד שיעור אז יעדע זאך וואס ער זעהט אז איך טו נישט ריכטיג, זאל מיך דער מגיד שיעור מעורר זיין און אויפקלערן, און זאגן אז איך זאל גיין אויף דעם ריכטיגן וועג, דעמאלטס קען מען אויסוואקסן און מען קען אויסשטייגן.**

*

**די** גמרא (יומא כב:) זאגט, 'שאול באחת', שאול האט געהאט איין עבירה, ער האט נישט געפאלגט וואס דער נביא האט אים געזאגט, 'ועלתה לו', און דערפאר האט מען אים צוגענומען די מלכות. 'דוד בשתים', דוד האט געהאט נאך א חטא, אויסער דעם חטא פון בת שבע, 'ולא עלתה לו', און דער באשעפער האט אים נישט צוגענומען זיין מלכות. וואס איז דער חילוק, פארוואס שאול וואס האט געטון איין עבירה, האט מען אים צוגענומען די מלכות, און דוד המלך וואס האט געהאט צוויי עבירות, האט מען נישט צוגענומען די מלכות?

**ווען** שמואל הנביא איז געקומען, און ער האט געפרעגט שאול, צו ער האט אויסגעפירט וואס ער האט אים געזאגט, האט ער געזאגט, יא, הקימותי את דבר ה', איך האב אויסגעפירט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט. פרעגט אים שמואל, ומה קול הצאן הזה, מען האט דאך דיר געהייסן אז דו זאלסט הרג'נען אלעס פון עמלק, וואס איז די קול פון די שעף? האט ער נישט געהאט קיין ברירה, האט ער געזאגט, איך האב טאקע נישט אויסגעפירט. דאס האב איך יא געלאזט, און דאס האב איך נישט געלאזט. דאס איז געווען די עולה פון שאול, לפי ערכו. ער האט געטון א זאך וואס איז נישט גוט, און ווען מען קומט אים מוכיח זיין, וויל ער נישט מקבל זיין די תוכחה. הקימותי את דבר ה', איך בין א וואוילער בחור, איך טו אלעס גוט. איי דו האסט געטון א זאך וואס איז נישט גוט, מען זאל נישט קוקן דערויף. אבער דוד המלך איז נישט אזוי געווען. דוד המלך ווען מען האט אים מוכיח געווען, האט ער תיכף געזאגט א מזמור, און ער האט געבעטן א תיקון דערויף, ער וויל תשובה טון אויף וואס ער האט געטון. שאול באחת, שאול האט געהאט איין עבירה, און עס האט אים געקאסט זיין מלכות, ווייל ער האט נישט מודה געווען אויף וואס ער האט געטון.

**אסאך מאל קומט אויס, אז מען הערט טאקע מוסר, און ער הערט טאקע וואס מען זאגט אים, אבער ער האט אלץ א תירוץ דערויף! אמת, איך האב געטון א זאך נישט ריכטיג, אבער נישט איך בין דער שולד, יענער איז דער שולד, דער חבר איז דער שולד, דער צווייטער איז דער שולד. פארוואס לערנסטו נישט? מיין חברותא איז נישטא, מיין חברותא לערנט נישט, מיין חברותא**

**שטערט מיך. פארוואס האסטו די וואך נישט מצליח געווען ביים שיעור? דער מגיד שיעור האט נישט געגעבן אזוי גוט דעם שיעור, איך האב נישט פארשטאנען, ער האט נישט גוט געזאגט. פארוואס האסטו נישט מצליח געווען א גאנצן זמן? די ישיבה טויג נישט. אלץ וועט ער טרעפן עפעס א תירוץ, אז יענער איז שולדיג, דער צווייטער איז שולדיג. אבער ער, ער איז גוט! איך מאך נישט אוועק, אסאך מאל קען זיין אז א חברותא זאל זיין שולדיג, אבער דאס איז צען פראצענט פון דער פראבלעם, נייינציג פראצענט איז 'ער' דער פראבלעם. די אלע פראבלעמען וואס מען טוט בלעימע"ן א צווייטן, דארף מען וויסן, אז עס איז פאלש, ער איז שולדיג אויף אלעם! ווען ער זאל וועלן, איז די חברותא נישט קיין תירוץ, דער מגיד שיעור איז נישט קיין תירוץ, אז ער ווערט געשטערט פון די שטוב איז נישט קיין תירוץ. אז דו ווילסט נישט, איז אויף אלעם דא א תירוץ.**

**און** דאס דארף מען זיך צוגעוואוינען, נישט ארויפצולייגן די עוולה אויף יענעם. וויסן אז ווען מען הערט עפעס, בין איך דער שולד דערויף, און איך דארף זעהן זיך צו פארבעסערן. אמת טאקע עס קען זיין אז דער צווייטער טוט מיר אויך צוהעלפן צו מיין שולד, אבער דאס איז נאר א קליינער חלק. אבער מיינע נייינציג פראצענט וועל איך זעהן, זיך משתדל צו זיין, צו גיין אויפן ריכטיגן וועג. - **מען דארף וויסן ביי זיך, אז טאמער מען איז נישט מצליח, איז קיינער נישט דער שולד, נאר ער אליין איז דער שולד!**

**ווען** א בחור איז נישט מצליח א זמן אין ישיבה, איז א סימן אז דו האסט נישט געהאט דעם ריכטיגן רצון. ווען דו זאלסט האבן דעם ריכטיגן רצון, דו ווילסט אויסוואקסן, דו ווילסט שטייגן, דו ווילסט קענען, וואלסטו געקענט קענען, און דו וואלסט אנגעקומען. יעדער בחור קען קענען די מסכתא וואס מען לערנט אין ישיבה. עס איז נישטא קיין שום תירוץ, ער זאל עס נישט קענען, אפילו דער שוואכסטער בחור, ער קען עס אפשר נישט קענען מיט אלע מפרשים וכדומה, אבער די בלאט גמרא תוספות וואס מען האט געלערנט קען יעדער איינער קענען. עס איז נאר, ווייל ער איז נישט דערביי, ער נעמט עס אן גרינג, עס איז גוט אזוי אויך. אז איך וועל קענען וועט זיין גוט, און אויב איך וועל נישט קענען, וועט אויך זיין גוט. א מענטש דארף וויסן, אז ער איז דער שולד אויף אלעמען, און אלעס איז תלוי אין זיין האנט. אויב ער וועט וועלן, וועט ער מצליח זיין, און אויב ער וועט נישט ארבעטן דערויף, וועט ער נישט מצליח זיין.

*

**די** פאריגע וואך אין די פרשה, שטייט די ערשטע חטא, און די די ערשטע מוסר ווערטער. אדם הראשון האט געזינדיגט, דער נחש האט אים צוגערעדט צו זינדיגן, און דער אייבערשטער האט אפירגענומען אדם מיט חוה אויף וואס זיי האבן געטון. מען האט געהייסן אז דו זאלסט נישט עסן פונעם עץ הדעת, און דו ביסט געגאנגען און דו האסט געגעסן.

**און** דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון, 'כי שמעת לקול אשתך', ווייל דו האסט צוגעהערט צו די קול פון דיין ווייב, 'ותאכל מן העץ אשר צויתיך לאמר לא תאכל ממנו', דו האסט געגעסן פון דעם וואס איך האב דיר געהייסן נישט עסן, 'ארורה האדמה בעבורך', די ערד וועט זיין פארשאלטן, 'וקוץ ודרדר תצמיח לך, ואכלת את עשב השדה, בזעת אפיך תאכל לחם'. און נאכדעם האט ער אים געזאגט, 'עד שובך אל האדמה כי ממנה לקחת, כי עפר אתה ואל עפר תשוב' (בראשית ג-יז), דו וועסט צוריקגיין צו די ערד, דו וועסט שטארבן. - דער באשעפער האט געזאגט פאר אדם הראשון פארן חטא נאר איין עונש, כי ביום אכלך ממנו, אין דעם טאג וואס דו וועסט עסן דערפון, מות תמות (שם ב-יז), וועסטו שטארבן. טאמער דו וועסט עובר זיין, דו וועסט עסן פונעם עץ הדעת, וועסטו שטארבן. און דער באשעפער האט אים שפעטער געגעבן א גאנצע פעקל קללות, און שטארבן אויך. דו וועסט טאקע שטארבן, אבער איך געב דיר צו דערצו, אז די ערד וועט זיין פארשאלטן, ווען עס וועט וואקסן

וועט נישט וואקסן קיין פירות, נאר עס וועט זיין קוץ ודרדר. דו וועסט עסן גראז אזוי ווי א בהמה [שפעטער האט דער באשעפער מבטל געווען די גזירה פון אים], בזעת אפיך תאכל לחם, דו וועסט ארבעטן עבודת הפרך אז דו זאלסט קענען ארויסנעמען פירות. - מען האט דאך נישט געווארענט אויף דעם, פארוואס גיט אים דער באשעפער עונשים, וואס מען האט נישט גערעדט דערפון פריער?

**מען** זעהט, אז סיי חוה, און סיי אדם הראשון, ווען מען האט זיי פארגעהאלטן, פארוואס זיי האבן געזינדיגט, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון, איכה, וואס גייט פאר? ויאמר האדם, האשה אשר נתתה עמדי, הוא נתנה לי מן העץ ואכל. דו פרעגסט צו איך האב געגעסן פון די עץ הדעת, זי האט מיר געגעבן פון דעם עץ הדעת, זי איז שולדיג, נעם איר אפיר, פארוואס זי האט מיר געגעבן פונעם עץ הדעת. גייט מען צו די אשה, ויאמר ה' אלקים לאשה, דער באשעפער פרעגט איר, מה זאת עשית, וואס האסטו געטון? ותאמר האשה, הנחש השיאני, זי האט אויך א קרבן, איך בין נישט שולדיג, דער נחש האט מיך צוגערעדט. ער בלעימ"ט אז ער האט געזינדיגט ווייל דאס ווייב האט אים געהייסן. און ווען מען גייט צו די ווייב, און מען פרעגט איר פארוואס האסטו געהייסן עסן פונעם עץ הדעת, זאגט זי, איך בין נישט שולדיג, דער נחש האט מיך צוגערעדט. זיי האבן נישט געוואלט מקבל זיין תוכחה. האט דער אייבערשטער געגעבן אן עקסטערן עונש, אויף דעם וואס זיי האבן נישט מקבל געווען די תוכחה. דו האסט געטון א עבירה, פיין, אויף דעם איז דא דער עונש פון מות תמית. אבער פארוואס האסטו נישט מודה געווען, ווען מען האט דיך געפרעגט וואס דו האסט געטון? ווען דו וואלסט נישט געוואלט עסן, וואלט מען עס נישט אריינגעשטופט אין האלדז דו מוזט עס ארפשלינגען. דו האסט עס גענומען מיט די הענט, און דו האסט עס געגעסן! דער האט צוגערעדט, יענער האט צוגערעדט. ווען דו זאלסט נישט וועלן, וואלסטו נישט עובר געווען דערויף, עס וואלט נישט געהאלפן די אלע פיתויים, איז א סימן אז דו ביסט נישט געווען דערביי.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון, כי שמעת לקול אשתך. דאס איז געווען די גאנצע עוולה, אז ער האט צוגעהערט לקול אשתך?! ער וואלט געדארפט זאגן פאר אדם הראשון, ווייל דו האסט געגעסן פונעם עץ הדעת, וועגן דעם וועסטו האבן אן עונש? דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון, כי שמעת לקול אשתך, ווייל דו פארענטפערסט זיך, אז דו האסט צוגעהערט צו די קול פון דיין ווייב. ווען דו וואלסט זיך נישט פארענטפערט, נאר דו וואלסט מיר געזאגט, 'איך האב געזינדיגט', וואלסטו טאקע געהאט נאר איין עונש, מות תמות, כי עפר אתה ואל עפר תשוב. אבער 'ולאדם אמר', דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם, 'כי שמעת לקול אשתך', ווייל דו טוסט דיך פאררופן אז דו ביסט נישט שולדיג, דו פאררופסט דיך אז דו האסט צוגעהערט צו דעם קול פון דיין ווייב, זאלסטו וויסן, אז פאר דעם וועל איך דיך עקסטער קנס'נען. פאר דעם וועט זיין בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה. - מען דארף זיך פרייען ווען מען הערט תוכחה. און ווען מען הערט תוכחה דארף מען עס מקבל זיין, און נישט זאגן, דער צווייטער איז שולדיג, נישט ארויפלייגען אויפן אנדערן. נאר זאגן, איך בין שולדיג, איך האב עס געטון, און דעמאלטס איז מען מצליח.

**עס** שטייט אין ספר **עשר קדושות** (מערכת ב' אות ק"מ), ברענגט ער צו פון ספר **פתחי זוטא** (על מסכת חגיגה, כט: בדפי הספר), אז דער **פתחי זוטא** שרייבט, אז ער האט געהערט פונעם **אמרי יוסף**, דער **ספינקא'ער רבי**. אז **רבי הערש'לע זידיטשובער זי"ע** האט געהאט א תלמיד, וואס איז געווען א אדם גדול. און מען האט געברענגט עפעס לשון הרע פאר רבי הערש'לע זידיטשובער אויף דעם תלמיד, אז דער תלמיד איז אקעגן זיין רבי'ן. ווען **רבי הערש'לע זידיטשובער** האט דאס געהערט, האט ער געהאט הקפדה אויף דעם תלמיד. דערווייל איז

די גאנצע מעשה נישט געווען אמת, און דער תלמיד האט גארנישט געוואוסט אז מען האט גערעדט אויף אים פאר דעם **רבי הערש'לע זידיטשובער**. אמאל איז ער געקומען צו פארן צו זיין רבי'ן אויף א שבת, ווען ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן, איז דער רבי געווארן איבערראשט, אז דער וואס מען האט געזאגט אויף אים, אז ער רעדט אויף אים, איז געקומען צו אים. און ער האט אים פארגעהאלטן, דו ביסט נאך געקומען צו מיר אויף א שבת? האט דער תלמיד געזעהן אז עפעס גייט פאר, דער רבי איז עפעס ברוגז אויף אים, אז ער קומט נאך אויף שבת. האט ער געזאגט, רבי, חטאתי עויתי פשעתי, איך האב געזינדיגט, און איך בעהט איבער וואס איך האב געטון, דער רבי זאל מיר מוחל זיין, איך וועל עס מער נישט טון. האט דער רבי געזאגט, פיין, דו בעהטסט איבער, איך בין דיך מוחל וואס דו האסט געטון. ער האט אבער נאך נישט געוואוסט וואס ער האט געזינדיגט אקעגן זיין רבי'ן.

**עס** גייט אדורך א פאר טאג, און ער זעהט אז די אהבה פונעם רבי'ן איז צוריק געווארן אזוי ווי עס איז געווען פארדעם, גייט ער צוריק אריין צו **רבי הערש'לע זידיטשובער**, און ער זאגט, דער רבי האט מיך פארגעהאלטן, פארוואס איך בין געקומען, איך וויל זאגן, איך האב גארנישט גערעדט, איך ווייס נישט וואס דער רבי האט אויף מיר, דער רבי זאל מיר זאגן וואס איך האב געטון, און איך וויל עס מתקן זיין. **רבי הערש'לע זידיטשובער** האט געזעהן, אז די גאנצע מעשה הייבט זיך נישט אן, ער ווייסט אפילו גארנישט פון וואס מען רעדט, און ער קומט צו אים אריין, און ער פרעגט אים ער זאל אים זאגן וואס עס איז. איז עס אים זייער געפעלן, אז ער האט מקבל געווען די תוכחה וואס ער האט באקומען פון זיין רבי'ן, אנדעם וואס ער זאל אפילו וויסן אז ער איז שולדיג. און אפילו ער ווייסט ביי זיך אז ער ער האט גארנישט געטון, און ער איז אומשולדיג, האט ער קודם מקבל געווען די תוכחה, און נאכדעם איז ער געגאנגען איבערפרעגן וואס פאר א עוולה ער האט געטון, ווייל ער וויל עס מתקן זיין. האט **רבי הערש'לע זידיטשובער** געזאגט, ווען אדם הראשון וואלט זיך געפירט אזוי ווי דו, אז בשעת דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז ער האט געזינדיגט, וואלט ער געזאגט, חטאתי עויתי ופשעתי, זיי מיר מוחל, און ער וואלט זיך נישט אנגעהויבן צו דינגען, איך האב נישט געזינדיגט, וואלט נישט ארויסגעקומען די גאנצע זאך וואס איז געווען. א מענטש דארף מקבל זיין, און דעמאלטס קען מען מצליח זיין.

*

**די** גמרא (יומא פו:) זאגט, היכי דמי בעל תשובה, וואס איז טייטש א בעל תשובה. זאגט די גמרא, א בעל תשובה איז דער טייטש, ווען א מענטש האט געזינדיגט, און ער איז נאכדעם צוריקגעקומען אויף דעם זעלבן פלאץ ווי ער האט געזינדיגט, און ער האט די מעגליכקייט נאכאמאל צו טון די זעלבע עבירה, און ער טוט עס נישט, דאס איז א בעל תשובה. באותו פרק, ובאותו מקום, ער קומט צוריק אויף דעם זעלבן פלאץ, און ער קומט צוריק אין די זעלבע אומשטענדן אזוי ווי עס איז געווען די פאריגע מאל ווען ער האט געטון די עבירה, אלעס האט ער גרייט, און ער קען נאכאמאל איבערטון די עבירה, און ער טוט עס נישט, דאס איז טייטש א בעל תשובה. דאס איז טייטש, אז ער האט חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטון. ווען א מענטש טוט תשובה, און ער האט נישט געהאט נאכאמאל דעם נסיון, איז נאך נישט קיין הכרח אז ער האט אמת'דיג תשובה געטון, דו האסט דאך נישט געהאט דעם נסיון צו טון נאכאמאל די עבירה. אבער טאמער קומט אים אויס, אז ער קען נאכאמאל זיין אויפן זעלבן פלאץ, און ער פירט זיך אויף גוט, דאס איז טייטש א בעל תשובה.

**עס** שטייט אין מפרשים, אז דער פשט דערפון איז, **יעדער מענטש האט דאך א תירוץ. פארוואס האסטו נישט מצליח געווען דעם פאריגן זמן? וועט ער האבן הונדערט תירוצים פארוואס ער האט נישט מצליח געווען. דאס, און יענס. און אז ער האט א תירוץ, וועט ער דעם תירוץ האבן שטענדיג. היינט האט ער דעם תירוץ דא, מארגן**

**וועט ער האבן דעם תירוץ אין א צווייטן פלאץ, איבערמארגן וועט ער האבן דעם תירוץ אין א דריטן פלאץ. ווייל איבעראל איז טאקע דא תירוצים, איבעראל איז דא זאכן וואס קענען שטערן א מענטש פון מצליח זיין.** תשובה איז דער טייטש, נישט זאג אז ווען איך וואלט געווען ערגעץ אנדערש, וואלט איך מער מצליח געווען, ניין, תשובה דארף זיין באותו מקום, אויף דעם פלאץ וואו דו ביסט געווען פריער, באותו פרק, און אין דעם זעלבן מצב וואו דו ביסט געווען דעמאלטס ווען דו ביסט נכשל געווארן, אויפן זעלבן פלאץ זאלסטו פרובירן תשובה צו טון. **דאס וואס א מענטש וויל זיך אלץ פארענטפערן, דער מקום, די סביבה, די פלאץ, די שטאט וואו איך וואוין, די שטוב וואו איך ווער נתחנך, די אלע זייטיגע סיבות דאס שטערן מיך, וועט ער קיינמאל נישט קענען תשובה טון.** היכי דמי בעל תשובה, בעל תשובה איז דער טייטש, אז דו זאלסט זיך קענען מתגבר זיין, באותו מקום אפילו אין דעם זעלבן פלאץ וואו דו ביסט פריער געווען, אין דעם זעלבן פרק וואו דו ביסט געווען די פאריגע מאל, פון דעסטוועגן דאך אנערקען איך, אז נישט דער חבר איז דער שולד, נאר איך בין דער שולד, דעמאלטס קען ער ריכטיג תשובה טון.

*

**נאכדעם איז דא ביי בחורים, וואס מען פסל'ט זיך אליין אפ. עה, איך קען שוין נישט! איך האב פרובירט איין יאר, איך האב פרובירט צוויי יאר, און איך בין נישט געוואקסן. מיין קאפ איז נישט דער בעסטער קאפ, מיינע כשרונות זענען נישט די בעסטע כשרונות, פון מיר וועט שוין קיין גרויסע זאכן נישט אויסוואקסן, עס וועט שוין זיין אזוי ווי עס וועט זיין.**

**עס** איז מיר אויסגעקומען די וואך, אז איך האב געזעהן וואס איינער האט געשריבן, בדידיה הוה עובדא, ער איז געווען א עסקן אין ארץ ישראל פאר די קריג, די מעשה איז געווען ת"ש, און ער איז אריין צום **חזון איש**, און ער האט געזאגט פארן **חזון איש**, אז ער האט א פלאן פאר בחורים. זאגט ער, דער רבי ווייסט, אז נישט יעדער איינער איז א בעל כשרון, אז ער זאל קענען פארנעמען א שטארקן שיעור, און ער זאל קענען אויסוואקסן א גדול בישראל. עס איז דא בחורים וואס זיי זענען נישט קיין בעלי כשרונות, און ער וועט נישט אויסוואקסן אזא גדול בתורה, ער וועט נאר אויסוואקסן א פשוטער בעל הבית. ער וואלט געהאלטן, אז מען דארף איינטיילן די ישיבות, נישט לויט די יארן, נאר מען דארף איינטיילן די ישיבות לויט די כשרונות. די בעלי כשרון זאל מען נעמען עקסטער, זיי דארף מען צושטעלן א ישיבה וואו זיי זאלן לערנען פלפול מיט חריפות וכדומה, זיי זאלן קענען שטייגן אין תורה. נאכדעם דארף מען נעמען די צווייטע קלאס בחורים, און מיט זיי זאל מען לערנען גרינגע זאכן, עיון יעקב, קיצור שלחן ערוך, ער זאל כאטש קענען אויסוואקסן א גוטער בעל הבית.

**דער חזון איש** איז געווארן זייער בייז אויף אים, און ער האט אים אפגעווארפן זיינע ווערטער, **חס ושלום אפצו'פסק'נען א בחור, און זאגן אז ער קען נישט אויסוואקסן א גדול בישראל, און אים גראד צושטעלן א קלענערע מדריגה פון לערנען, אזאנס טאר מען נישט טון. ווייל יעדער בחור האט א מעגליכקייט אויסצואוואקסן א גדול בישראל!** און ער האט צוגעגעבן, **אזוי ווי ווען א מענטש דרייט זיך אמאל פון איין גאס צו די אנדערע גאס, און עס ווערט געטוישט די גאנצע צורה וואס ער זעהט פאר זיינע אויגן, אזוי קען אמאל א בחור געטוישט ווערן פון איין טאג אויפן אנדערן טאג, און ער איז א אנדערער מענטש פון וואס ער איז געווען פריער. און אפילו יעצט איז ער נישט קיין בעל כשרון, עפענט זיך אים די אויגן, ער באקומט הארת עינים אין די תורה.** פון די סאך תפלות וואס ער האט מתפלל געווען צום אייבערשטן, און פון די תפלות וואס עלטערן האבן מתפלל געווען אויף קינדער, קען זיך א מענטש טוישן, און ער באקומט ליכטיגע אויגן אין די תורה.

**דער** עסקן האט אזוי אנגעקוקט דעם **חזון איש**, עס איז דא אזא מציאות, אז א מענטש קען

געטוישט ווערן פון וואס ער איז געווען פריער? זאגט אים דער **חזון איש**, איך קען א גדול בתורה, א ראש ישיבה, א מרביץ תורה, וואס ווען ער איז אלט געווען אכצן יאר, האט ער נאך געפרעגט אזא נארישע קשיא, אז עס איז געווען צו לאכן. ער האט געפרעגט, אז רש"י (בראשית לב-ד) זאגט, אז א יעדע ווארט אין די תורה וואס עס דארף שטיין א למ"ד אנהייב פון די ווארט, האט די תורה צוגעשטעלט א ה' צום סוף פונעם ווארט. וילך חרנה (שם כח-י), אנשטאט 'לחרן' שטייט 'חרנה'. און די גמרא (יבמות יג:) זאגט, כגון מצרים מצרימה (בראשית יב-י). האט ער געפרעגט, וואו איז דער למ"ד פון מצרים, ביי די ווארט מצרים שטייט נישט למצרים? זאגט אים דער **חזון איש**, עס איז גענוג א נארישע קשיא? און דעמאלטס איז ער אלט געווען אכצן יאר, און היינט איז ער א גדול בישראל.

**שרייבט** ער, האב איך געפרעגט דעם **חזון איש**, ער זאל מיר זאגן דעם נאמען ווער דאס איז. האט דער **חזון איש** געזאגט, וואס איז דיר א נפקא מינה צו ויסן ווער דאס איז? האט ער זאגט, ווייל ווען איך וועל רעדן צו די בחורים, און איך וועל זאגן אז מען קען אויסוואקסן א גדול בישראל, און איך וועל זיי קענען אנווייזן, קוקטס אן דעם גדול, וואס ביי די אכצן יאר האט ער נישט געקענט קיין פסוק חומש, און קוקטס וואס ער איז אויסגעוואקסן, וועט עס צוגעבן א שטופ פאר א בחור, ער זאל קענען שטייגן. זאגט אים דער **חזון איש**, דו ביסט גערעכט, עס וואלט טאקע געהאלפן, אבער איך שפיר אז עס איז א בזיון פאר דעם תלמיד חכם, אז איך זאל זאגן זיין נאמען, און ער האט נישט געוואלט זאגן ווער עס איז. - שרייבט ער ווייטער, עס איז אדורכגעגאנגען דריי יאר, האב איך נאכאמאל ארויפגעברענגט דעם שמועס פארן **חזון איש**, און איך האב אים געפרעגט, אפשר זאגט מיר דער רבי יעצט, ווער דער גדול איז געווען? האט ער מיר געזאגט, יעצט קען איך דיר אוודאי נישט זאגן, ווייל ער לעבט שוין נישט. און איך קען נישט רעדן אויף איינעם וואס איז שוין נישטא, עס איז א בזיון פאר אים. אבער איך זאג דיר, אז עס איז מעגליך אז איינער וואס איז נישט געווען קיין בעל כשרון, פון דעסטוועגן דאך, אז מען מיינט עס ערליך, קומט א צייט ווען עס עפענט זיך די אויגן אין תורה און מען שטייגט אויס.

**היינטיגן טאג איז געווען ביי מיר א טאטע, וואס האט א בחור וואס איז זיבצן אכצן יאר אלט, און דער טאטע זאגט מיר, אז דער בחור האט ביי די פערצן יאר נאכנישט געלערנט קיין שטיקל גמרא. נישט ווייל ער האט נישט געקענט, ער האט נישט געוואלט לערנען. ער האט נישט געלערנט, און נישט געדאווענט. ער איז אדורכגעגאנגען מיט דעם בחור שבעה מדורי גיהנם. א שיינעם טאג האט דער בחור זיך מיישב געווען, און ער האט זיך גענומען לערנען, א יאר שפעטער האט ער געקענט גאנץ מסכת בבא קמא בעל פה. פון איין יאר ביזן אנדערן יאר. - דאס איז מעשים בכל יום, אז אפילו א בחור וואס האט נישט מצליח געווען, איינמאל ער האט אבער גענומען אויף זיך, איך וויל מצליח זיין, איך וויל אויסוואקסן, קען מען זיך טוישן.** א איד בעט, והאר עינינו בתורתך, דער אייבערשטער זאל מיר ליכטיג מאכן מיינע אויגן אין די תורה. יעדער בחור בעהט, ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד, ער בעהט נישט נאר ללמוד, אז דער באשעפער זאל עפענען מיין קאפ צו לערנען, נאר אויך 'ללמד', איך זאל אויך קענען לערנען מיט אנדערע. דו ביסט דאך נישט קיין בעל כשרון, הלוואי זאלסטו קענען אליין לערנען, ווי אזוי קענסטו בעטן, אז דו זאלסט קענען לערנען מיט אנדערע? יא, מען קען בעטן. מען קען בעטן פונעם אייבערשטן, אז דער באשעפער זאל געבן הארת עינים, אז נישט נאר מען זאל קענען אליין לערנען, נאר מען זאל אויך קענען לערנען מיט אנדערע. יעדער איינער קען אויסוואקסן, מען זאל זיך נישט איינרעדן אז איך קען נישט אויסוואקסן דער גדול בישראל, יעדער קען אויסוואקסן. יא, מען דארף זיך פלאגן דערויף, עס וועט נישט אנקומען גרינג, **אבער טאמער מען קומט צוריק אין ישיבה מיט א ערנסטקייט, מיט א חשק, איך וויל לערנען, איך וויל אויסוואקסן, איך וויל שטייגן, זאל מען וויסן, יעדער איינער קען**

**באווייזן צו קענען די מסכתא וואס מען לערנט, ישר והפוך.** אויב ער וועט נעמען אויף זיך דעם עול תורה, בשעת ער הייבט אן צו לערנען.

*

**תפלה**, דאווענען. אין לך אדם שאין לו שעה (אבות ד-ג), עס איז נישט דא א מענטש וואס האט נישט קיין צייט וואס ער קען מצליח זיין. אין הייליגע ספרים שטייט, תפלה פון א מענטש דארף נעמען א שעה, אזוי שטייט אין חז"ל (ברכות לב.), אז חסידים הראשונים האבן זיך צוגעגרייט א שעה צום דאווענען, און א שעה האט מען געדאווענט, און א שעה האט מען שוהה געווען נאכן דאווענען. **וועו א מענטש האט נישט די שעה דאווענען, איז 'אין לך אדם', איז ער נישט קיין מענטש, ער איז נישט בגדר אנושי.** 'אין לך אדם שאין לו שעה', דער וואס האט נישט די שעה פון תפלה, דער איז נישט בגדר אנושי. **די שעה פונעם דאווענען פאדערט זיך פון יעדן איד, און פון א בחור איבערהויפט! ווען מען איז נאך אין די יונגע יארן, ווען ער הייבט זיך אן אויסצופארעמען, און ער ווייסט נאך נישט וואס דאווענען איז טייטש, דארף מען ארבעטן דערויף. אזוי ווי מען ארבעט אויף אנדערע ענינים אין יודישקייט, דארף מען זיך אויסלערנען צו קענען דאווענען.**

**דאווענען** דארף זיין מיט א סדר. קודם קומט טהרה, מען דארף גיין אין מקוה יעדן טאג פארן **דאווענען, און לערנען פארן דאווענען. ווען מען שטעלט זיך דאווענען פונעם בעט ארויס, אזא דאווענען האט נישט קיין טעם. אבער אז מען לערנט א שעה פארן דאווענען, מען איז מקפיד נישט צו רעדן קיין דברים בטלים פון ווען מען שטייט אויף ביז מען דאווענט, דעמאלטס שפירט מען א טעם אין דעם דאווענען. - דאווענען האט א צייט, אין יעדע מקום וואו מען שטעלט זיך דאווענען, דארף עס זיין באצייטנס, פון אדון עולם ביז אדון עולם דארף מען שטיין אויף איין פלאץ. מען דארף אים נישט רופן אז ער זאל קומען, מען דארף פון זיך אליין וויסן, אז ווען מען שטעלט זיך ברכות, דארף ער זיין אויף זיין פלאץ, און אנהייבן די ברכות. און דאס איז נישט קיין נפקא מינה צו דאס הייסט תפלת שחרית, צו מנחה, צו מעריב, ווען עס איז א סדר פון זמן תפלה, דארף מען זיך געוואוינען צו שטיין אויף זיין מקום און דאווענען.**

**און דאווענען דארף זיין כמונה מעות, אזוי ווי מען ציילט געלט. ווען מען ציילט געלט, ציילט מען איינס, צוויי, דריי, פיר, אזוי דארף מען זאגן אשרי, יושבי, ביתך, עוד, יהללוך, סלה, ארויסזאגן יעדעס ווארט. זיך נישט יאגן ביים דאווענען, נישט צאמכאפן ווערטער. און עס איז גוט אז מען זאל זיך געוואוינען [אויב קען מען נישט קיין לשון קודש] צו האבן א סידור וואס איז איבערגעזעצט אויף יודיש, ער זאל פארשטיין וואס ער רעדט. אז מען פארשטייט וואס מען רעדט, מען האלט מיט וואס מען דאווענט, איז די שעה וואס ער דאווענט פארן אייבערשטן, די שענסטע שעות פונעם מענטש. און כל שכן צופרי, ווען מען גייט אנגעטון מיט די תפילין, וואס תפילין איז אסור בקלות ראש, און אסור בהיסח הדעת, מען טאר נישט אויסרעדן מיט די תפילין.**

**אין לך אדם שאין לו שעה, אויב די שעה קען ער זיך נישט צוגעוואוינען צו דאווענען נארמאל, ווי א מענטש דארף צו דאווענען, זאל ער וויסן אז עס פעלט אים אין זיין גאנצן מענטשהייט. ווען מען גרייט זיך צו צום דאווענען ווי א מענטש, דער איז א אדם.** - מען זאגט אויף א מענטש, אז ער איז א אדם השלם. בדרך רמז קען זיין, עס איז מיר אויסגעקומען צו זעהן די וואך פונעם **בן איש חי**, וואס ער זאגט, אז דאס ווארט 'אדם', ווען מען שרייבט עס ארויס מיטן מילוי, א' איז געשריבן אל"ף, די ד' איז דל"ת, די מ' איז מ"ם. ווען מען קוקט אריין אינעווייניג וואס ליגט אין די אותיות 'אדם', איז עס די אותיות 'מתפלל'. ל"פ פון אל"ף, ל"ת פון דל"ת, און מ' פון מ"ם, צוזאמען איז עס דאס ווארט 'מתפלל'. ווייל דאס איז דער מענטש. **א מענטש וואס דאווענט צום אייבערשטן, איז ער א אדם, און אויב ער דאווענט נישט, איז ער נישט קיין אדם.** וועגן דעם זאגט מען, ער איז א 'אדם השלם', ווייל

דער וואס האט נאר דעם 'אדם' אליינס, עס פעלט אים אינעווייניג די אותיות פון 'מתפלל' דער איז נישט קיין אדם השלם, עס פעלט אים עפעס פונעם אדם. א אדם השלם איז טייטש, ער איז א גאנצער מענטש, ער האט אויך אין זיך די מילוי פון אדם, ער דאווענט אזוי ווי מען דארף צו דאווענען.

**תפלה**, דאס איז דברים שעומדים ברומו של עולם, און עס איז ליידער בני אדם מזלזלין בהם (ברכות ז.). יעדער וויל מצליח זיין, און אז מען דאווענט און מען בעהט צום אייבערשטן, מען זאגט ברכות התורה ערליך, מען זאגט אהבה רבה ערליך, מען זאגט אתה חונן ערליך, איז מען מצליח. און יעדער קען מצליח זיין, אויב מען וועט אסאך בעטן פונעם אייבערשטן, וועט דער באשעפער געבן הארת עינים אין די תורה.

**איך** קען פארציילן פון מיר, איך בין אויך אמאל געווען א בחור, און איך האב געלערנט אין ישיבה, עס איז געווען איין זמן, וואס עס האט זיך מיר נישט געמאכט קיין חברותא, און איך האב באקומען דעם שוואכסטן בחור אין די ישיבה פאר א חברותא. וואס איך בין דורכגעגאנגען דעם זמן וואונטש איך נישט פאר קיינעם, אבער עס האט זיך נאכדעם אויסגעשטעלט, אז עס איז געווען מיין חשוב'סטער זמן אין ישיבה. איך האב געוואוסט אז איך האב נישט קיין חברותא, איך האב געוואוסט אז קיינער וועט מיך נישט צוהעלפן, איך דארף מיך אליין נעמען אין די הענט און לערנען. און מען האט זיך גענומען אין די הענט, און מען האט געלערנט, און מען האט מצליח געווען. - **קיינער זאל נישט זוכן קיין תירוצים, יענער איז שולדיג, דער צווייטער איז שולדיג. טאמער מען שטייגט נישט אויס, איז מען אליין שולדיג.**

*

**מען** דארף אויסנוצן די צייט אויף צו לערנען, **אויב מען נוצט נישט אויס די צייט אלץ בחור, איז מען אינגאנצען נישט קיין מענטש. מען קוקט אן ווי אזוי עס קוקט אויס ליידער די וואס האבן נישט אויסגענוצט די יארן פאר תורה, וואס עס ווערט פון זיי שפעטער. ער שפירט נישט קיין סיפוק אין זיין לעבן. וואס וואקסט פון אים אויס, א ליידיג גייער, ער זוכט צו גיין אויף די גאסן, און צוביסלעך צוביסלעך הייבט ער אן קלענער מאכן די פיאות, ער הייבט זיך אן צו גלאנצן די שיך, אנדערע אויגן גלעזער, מיט אלע נארישקייטן, ביז עס קומט דערצו, אז די קאפעל ווערט קלענער, למחצה לשליש ולרביעי. אלעס האט זיך אנגעהויבן, ווייל מען האט נישט געלערנט.** דאס איז דער יסוד פון אלעם. ווען מען איז מקבל אויף זיך צו לערנען, דעמאלטס וואקסט מען אויס א נארמאלער מענטש. א האלבער תלמיד חכם, א גרעסערער תלמיד חכם, אבער מען איז על כל פנים א מענטש.

**עס** שטייט פון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל** אז ער האט געזאגט, פארוואס רופט מען א ישיבה מיטן נאמען 'ישיבה'? ישיבה איז טייטש זיצן [מען זיצט טאקע אין די ישיבה, אפשר אנדערע נוצן עס אויס נאר אויף צו זיצן, און מען לערנט אפילו גארנישט דארט, מען זיצט נאר, איז דאס א ישיבה], אמאל האט מען נישט געלערנט זיצעדיגערהייט, מען האט געלערנט תורה בעמידה, שטייענדיגערהייט, וואלט מען געדארפט רופן די ישיבה 'עמידה', פארוואס האט מען דאס גערופן 'ישיבה'?

**האט** ער געזאגט, ווייל די משנה (קידושין מ:) זאגט, אז ווען איינער איז נישט עוסק במקרא ובמשנה, ער קען נישט לערנען על כל פנים מקרא מיט משנה, אינו מן היישוב, איז ער נישט קיין נארמאלער מענטש, ער באלאנגט נישט אין קיין ישוב, ער באלאנגט אין די זא"א, צווישן די חיות. מן הישוב, איז נאר איינער וואס קען לערנען. האט מען עס גערופן 'ישיבה', דו זאלסט וויסן, אז דאס וואס דו קומסט לערנען, דאס וועט דיך מאכן אז דו זאלסט זיין מיושב, אויב נישט, ביסטו נישט קיין מענטש. דא איז דער פלאץ צו שטייגן אין תורה.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא לה:), ווען א רשע קומט ארויף אויף יענע וועלט, איז די ערשטע שאלה וואס מען פרעגט, מפני מה לא עסקת בתורה, פארוואס האסטו נישט געלערנט קיין תורה. איינער וואס האט עובר געווען אלע עבירות שבתורה, די ערשטע שאלה ווען ער קומט ארויף, פרעגט מען אים, פארוואס האסטו נישט געלערנט תורה? און ער הייבט זיך אן צו פארענטפערן, אז ער איז געווען טרוד ביצרו וכדומה. פארוואס איז די ערשטע שאלה צו ער האט געלערנט תורה? תורה איז נישט מער ווי א מצות עשה. מען וואלט אים געדארפט פרעגן, פארוואס האסטו עובר געווען אויף חילול שבת, פארוואס האסטו געגעסן טריפות, פארוואס האסטו עובר געווען אויף איסור כריתות, מיתות בית דין. עס איז דא אסאך הארבערע עבירות פון לערנען תורה?

**דער** טעם דערפון איז, ווייל אז מען וועט אים אנהייבן צו פרעגן אנדערע קשיות, פארוואס האסטו מחלל שבת געווען, פארוואס האסטו געגעסן טריפות? וועט ער ענטפערן, דער יצר הרע האט מיך צוגערעדט דערצו. ער ווארפט אויף אן דעם שולד, נישט ער איז שולדיג, דער יצר הרע איז שולדיג, אן אנדערער איז שולדיג. זאגט מען אים, דו ווייסט דאך אבער, אז בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), דער אייבערשטער האט אונז טאקע געגעבן א יצר הרע, אבער ער האט אונז געגעבן תורה א תבלין. ווען דו וואלסט געלערנט תורה, וואלסטו נישט צוגעקומען אויסצווואקסן א רשע. די ערשטע שאלה וואס מען פרעגט דעם רשע, הייבט מען נישט אן צו פרעגן אויף זיינע עבירות וואס ער האט געטון, ווייל ער וועט זיך פארענטפערן, אז דער יצר הרע איז שולדיג. ענטפער מיר, מפני מה לא עסקת בתורה, פארוואס האסטו נישט געלערנט? ווען דו וואלסט געלערנט, וואלסטו נישט געהאט אלע פראבלעמען וואס דו האסט שפעטער. אלע פראבלעמען מאכן זיך נאר, ווייל מען טוט נאכלאזן דאס לערנען יונגערהייט ווען מען איז אין ישיבה.

**מען** זאל וויסן, **ווען א בחור לערנט נישט, און ער וואקסט נישט אויס אין תורה, נישט נאר ער איז נישט אויסגעוואקסן, ער איז א קלענערער תלמיד חכם, ער דארף טראכטן ווי אזוי זיין גאנצע יודישקייט וועט אויסזעהן אין זיינע שפעטערדיגע יארן.** מען דארף מקבל זיין אויף זיך עול תורה, אויף דעם איז מען דא, און יעדער איינער וואס קומט אין ישיבה, איז מיט די כוונה, ער וויל מקבל זיין אויף זיך עול תורה. ער ווערט נאר מיד, און ער לאזט נאך, אבער טאמער איז דא דער 'ראשית', די שאיפה פון אנהייב, ווי מען האט פריער גערעדט, החכם עיניו בראשו, מען קומט אריין מיט א אמת'דיגע תשוקה, איך וויל אויסוואקסן א תלמיד חכם, איך וויל מקדיש זיין דאס יאר אויף לימוד התורה, עס וועט מיך נישט אינטערעסירן, נישט די שטוב, נישט קיין פאליטיק, נישט קיין שום זאך אויף דער וועלט, נאר איין זאך, פון ווען איך קום אריין אין ישיבה, ביז איך גיי אהיים, וועל איך אויסנוצן די צייט פאר תורה, וועט ער זעהן די געוואלדיגע הצלחה וואס ער וועט האבן.

*

**און** איך זאג אלץ פאר די בחורים, אז די סדרי הישיבה אליין, איז נישט גענוג. **עס איז דא אסאך צייט וואס א בחור קען לערנען, אויסער די סדרים פון די ישיבה. מען לערנט טאקע א גאנצע מסכתא, אבער יעדער דארף האבן פאר זיך עפעס א שיעור, אויסער די שיעורים פון ישיבה. ווען ער האט פרייע צייט, פרייטאג, שבת, ביינאכט, פארן באס, נאכן באס, אלץ איז דא צייט וואס מען קען לערנען. דער סדר וואס די ישיבה גיט, איז גענוג צייט, אז מען זאל קענען איבער'חזר'ן וואס מען לערנט אין ישיבה, מען דארף אויסנוצן די צייט אין די ישיבה אליין צו קענען די גאנצע מסכתא, און די גאנצע הלכה, כדי מען זאל נישט דארפן צונעמען דערצו קיין פרייע זמן. און אין די פרייע זמנים דארף א בחור נעמען אויף זיך נאך א מסכתא. אז מען וויל לערנען דף היומי, לערנען יעדן טאג נאך א בלאט [איך מיין נישט צו זאגן 'דף היומי' יעצט, איך מיין נאר צו זאגן נאך א בלאט גמרא יעדן טאג], אשרי חלקו. ער וויל לערנען זיבן בלאט א וואך מער, איז זייער וואויל. אויב ער קען נישט**

**דערהייבן צו לערנען יעדן טאג א גאנצע בלאט, על כל פנים דער סדר וואס מען לערנטביי אונז 'ובהם נהגה' וואס מען לערנט אדורך יעדן טאג א עמוד, צוויי און א האלב בלאט א וואך, און מען חזר'ט עס איבער יעדע וואך, דאס קען יעדער בחור נעמען אויף זיך.** עס מוז נישט זיין דוקא וואס מען לערנט דא, ער קען נעמען אויף זיך סיי וואס פארא מסכתא. יעדער בחור קען נעמען אויף זיך נאך א מסכתא, וואס ווען ער האט צייט וועט ער לערנען נאך א עמוד מיט א סדר, וועט ער זעהן אז ער וועט קענען אין איין יאר, נישט נאר די מסכתא וואס מען לערנט אין ישיבה, נאר ער וועט קענען נאך א מסכתא, און נאך צוויי מסכתות, און ער וועט אויסנוצן זיין פרייע צייט וואס ער האט אויף לימוד התורה.

*

**יעדער איינער דארף זיך קובע זיין א מוסר ספר אין וואס צו לערנען, עס זאל נישט אדורכגיין א טאג וואס מען לערנט נישט קיין מוסר.** דער הייליגער **חתם סופר** האט געזאגט, א טאג וואס ער האט נישט געלערנט קיין מוסר, האט ער געשפירט אז ער איז אפגעקילט אין עבודת ה'. אז דער הייליגער **חתם סופר** האט אזוי געזאגט, קענען מיר אוודאי זאגן. און טאמער מיר שפירן דאס נישט, איז א סימן אז עס איז נישט דא וואס עס זאל זיך אפקילען ביי אונז, עס איז שוין אויסגעלאשן, שפירט ער שוין נישט אז עס ווערט אפגעקילט. אבער איינער וואס האט יא א ווארימקייט אין זיך, דארף פילן אז א טאג וואס מען לערנט נישט קיין מוסר, פעלט אים עפעס אין עבודת ה'.

**יעדער** קומט דאך אריין מיט א אמת'דיגן רצון צו שטייגן אין תורה, גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, מיר קומען מיט א אמת'דיגן רצון, נאר וואס דען, שאור שבעיסה איז מעכב (ברכות יז.), מיר האבן ליידער א גרויסן יצר הרע, וואס דער יצר הרע שטערט אונז, אבער ווען מיר וועלן אוועקלייגן דעם שאור שבעיסה, אוועקלייגן אלע זייטיגע זאכן, עס וועט נישט אינטערעסירן גארנישט אויף דער וועלט, נישט קיין 'קול מבשר', גארנישט אויף דער וועלט אינטערסירט מיך נישט, נאר איך זאל קענען לערנען נאך א בלאט און נאך א בלאט, און שטייגן אין תורה, וועט מען זעהן אז מען וועט מצליח זיין, און אויסוואקסן א תלמיד חכם.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען אויסנוצען די צייט פאר תורה און תפילה און עבודת ה'. לערנען מוסר ספרים, ארבעטן אויף די מידות, יעדער מענטש איז געבוירן געווארן מיט שלעכטע מידות, עס איז נישטא קיין איינער וואס איז געבוירען געווארן מיט גוטע מידות. ביז מען ארבעט נישט דערויף, בלייבט מען אזוי מיט זיינע שלעכטע מידות. פארגינען איינער פארן צווייטן, נישט מקנא זיין איינער דעם צווייטן, נישט רעדן לשון הרע איינער אויפן אנדערן. טון א חסד, א טובה פאר א צווייטן, נישט טשעפן אנדערע, דאס איז אלעס שווערע עבודות וואס מען דארף ארבעטן דערויף. אבער אז מען לערנט ספרי מוסר קומט מען צו, אז מען זאל קענען שטייגן דערין. - זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל האבן אסאך הצלחה אין תורה און יראת שמים, און אויסוואקסן תלמידי חכמים און ערליכע אידן, און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך אידיש נחת. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסיום ששה סדרי משנה
## ומסכת סוכה שנלמד במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'

יום ג' פרשת נח תשע"ג לפ"ק

**די** תורה הק' פארציילט די וואך, אז נח איז געווען א איש צדיק תמים, את האלקים התהלך נח. און ווי אזוי דער דור האט אויסגעקוקט, ותשחת הארץ לפני האלקים, עס איז געווען א

פארדארבענע וועלט. און דער אייבערשטער האט געהייסען פאר נח, אז ער זאל מאכן א תיבה, און ער מיט זיין משפחה זאלן אריינגיין אין די תיבה. און ער זאל מיט נעמען מכל החי, פון די בהמה טהורה זאל ער נעמען זיבן, און פון די אנדערע זאל ער נעמען צוויי, ווייל דער באשעפער גייט מכלה זיין די וועלט, און זיי וועלן בלייבן. ויעש נח ככל אשר צוה אותו אלקים, נח האט געטון אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען, כן עשה (בראשית ו-כב), אזוי האט ער געטון. דער 'כן עשה' איז לכאורה איבריג. עס איז געגוג אז עס שטייט, ויעש נח ככל אשר צוה אותו אלקים, אז נח האט געטון אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען. פארוואס גיט ער צו 'כן עשה', אזוי האט ער געטון, ער האט דאך שוין פריער געזאגט, אז נח האט געטון ככל אשר צוה אותו אלקים.

**און** מען זעהט, אז פון א גאנצע דור, איז יעדער מיטגעגאנגען מיט די שטראם פונעם דור, נאר נח איז געבליבן א איש צדיק, און ער האט מציל געווען זיין שטוב. וואס איז דער סוד וואס ליגט אין דעם? ווי אזוי קען זיך א מענטש אויפהאלטן אין א דור המבול, און ער זאל בלייבן ערליך? מילא נח איז שוין געווען א אלטער יוד, ער איז שוין אלט געווען זעקס הונדערט יאר, רוב שנותיו זענען שוין אדורך מיט עבודת ה'. אבער ער האט דאך געהאט קינדער, און די קינדער האבן זיך געדרייט מיט חברים וואס זענען געווען פארדארבן, און פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געבליבן ערליך, ווייל אויב נישט, וואלטן זיי נישט ניצל געווארן ביי די מבול. ווי אזוי האט זיך איין משפחה, איין שטוב, געהאלטן, און זיי זענען געבליבן ערליך, אז זיי זענען געווען ראוי אריינצוגיין אין די תיבה.

**רש"י** פארענטפערט די קשיא. רש"י (ז-ב) זאגט, פון וואו האט נח געוואוסט וועלכע בהמה איז א בהמה טהורה, און וועלכע איז א בהמה טמאה. למדנו שלמד נח תורה, נח האט געלערנט תורה, ער האט נישט איבערגעלאזט די תורה וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס. און נח איז נישט נאר געווען א איש צדיק תמים וואס איז געזעסן אין שטוב, נאר את האלקים התהלך נח, וואו ער איז געגאנגען, האט ער שטענדיג עוסק געווען בתורה. און אז מען איז עוסק בתורה, קען מען בלייבן א איש צדיק תמים, קען מען בלייבן מיט א צדקות, אפילו אין א דור המבול. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), קדושת תורה איז א תבלין אקעגן דעם יצר הרע. און נישט נאר פאר זיך אליין, נאר אפילו פאר זיין משפחה, פאר זיינע קינדער. אז מען זעהט חביבות התורה ביי די עלטערן, טוט דאס משפיע זיין אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך. וועגן דעם איז נח מיט די גאנצע משפחה געבליבן.

*

**עס** שטייט אין **חנוכת התורה** פונעם רבי ר' העשיל, ווען דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אהרן הכהן די מצוה פון הדלקת המנורה, שטייט אין פסוק (במדבר ח-ב) דבר אל אהרן ואמרת אליו, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות. ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, ער האט אנגעצינדען די מנורה. און רש"י זאגט, להגיד שבחו של אהרן שלא שנה, צו פארציילן די שבח פון אהרן, אז ער האט נישט משנה געווען.

**זאגט** דער רבי ר' העשיל, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט דער אייבערשטער געזאגט אויף יעדע זאך, אז עס זאל אזוי זיין. וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, שטייט נאכדעם אין פסוק (בראשית א-ז) ויהי כן, עס איז אזוי געווען. אויסער ביי די ערשטע דיבור, ויהי אור (א-ג), שטייט נישט ויהי כן. און עס שטייט אין די גמרא (חגיגה יב.), און רש"י (א-ד) ברענגט עס אויך צו, אז אין דעם ערשטען טאג פון די בריאה האט דער אייבערשטער באשאפן גאר א גרויסע ליכטיגקייט, אז מען האט געקענט זעהן מיט דעם אור, מסוף העולם ועד סופו, פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. און דער באשעפער האט געזען, אז עס איז נישט כדאי

פאר די רשעים אז זיי זאלן זיך משתמש זיין דערמיט, עמד וגנזו לצדיקים לעתיד לבא, האט עס דער אייבערשטער אוועקגעלייגט פאר די צדיקים לעתיד לבא. און עס ווערט אנגערופן אור הגנוז, א אור וואס דער אייבערשטער האט באהאלטן.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, וואו איז דער אור באהאלטן? דער באשעפער האט עס באהאלטן אין די תורה הק'. אז מען לערנט תורה, איז מען זוכה צו א געוואלדיגע אור, וואס טוט באלייכטן דעם נפש פונעם מענטש. תורה אור (משלי ו-כג), תורה דאס איז א ליכטיגקייט. א מענטש וואס האט נישט קיין תורה, לעבט אין א חושך, ער לעבט אין א פינסטערניש. אין א פינסטערניש זעהט מען נישט וואו מען גייט, עס דאכט זיך אים אז די זאך וואס ער זעהט איז איין זאך, דערווייל איז עס א צווייטע זאך. אזוי ווי עס שטייט אין **מסילת ישרים** (פרק ג') אז ווען עס איז פינסטער פאר א מענטש, קען ער זיך טועה זיין. אויף א קלאץ וועט ער מיינען אז עס איז א מענטש, און אויף א מענטש וועט ער מיינען אז עס איז א קלאץ, ווייל ער זעהט נישט. אזוי איז אויך ווען מען לערנט נישט קיין תורה, עס קען זיך אים דאכטן אז אלע הבלי עולם הזה האט א חשיבות אין זיך, און ער פארשטייט נישט די חשיבות פון תורה און מצות. אבער ווען מען לערנט תורה, טוט די תורה באלייכטן די וועגן פונעם מענטש, צו פארשטיין וואס איז די ריכטיגע וועג, וואס איז די אמת'דיגע טובה פאר א מענטש. וואס איז די וועג וואו ער דארף גיין, און וואס ער דארף זיך היטן דערפון. דאס איז דער אור וואס דער אייבערשטער האט גונז געווען אין די תורה. - צדיקים וואס האבן זוכה געווען צו די מדריגה, האבן טאקע געזען דורך די תורה וואס זיי האבן געלערנט, מסוף העולם ועד סופו, פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. זיי האבן זוכה געווען צו א ראיה פון קדושה, דורך דעם אור וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס גונז געווען אין די תורה.

**אהרן** הכהן האט מדליק געווען די מנורה, וואס די מנורה איז נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). אהרן הכהן וואס איז געווען דער כהן גדול אין בית המקדש, וואס אויסער זיין גרויסקייט אין עבודה, איז ער געווען גרויס אין תורה, אזוי שטייט אין פסוק (מלאכי ב-ו), תורת אמת היתה בפיהו, ועולה לא נמצא בשפתיו, בשלום ובמישור הלך אתי, ורבים השיב מעון. אהרן הכהן איז געווען א עמוד התורה, און דער עמוד העבודה אינעם בית המקדש. און ווען ער האט אנגעצינדען די מנורה, האט ער נישט נאר אנגעצינדען די מנורה, נאר ער האט אויך אנגעצינדען די ליכטיגקייט פון תורה הק' אין יודישע הערצער. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז א יוד וואס האט זיך געוואלט נעמען צו תורה, אבער ער האט נישט געהאט די כח, און דעם חשק, אז ער זאל גיין לערנען תורה, האט עס די עבודה פון אהרן צוגעגרייט. ער האט אנגעצינדען אין א יעדן יוד דעם אור הגנוז וואס דער אייבערשטער האט באהאלטן, אז עס זאל לייכטן.

**אין** פסוק שטייט נישט ויהי כן ביי בריאת האור, ווייל דורך דעם וואס די רשעים זענען נישט געווען כדאי, האט דער אייבערשטער גונז געווען דעם אור. אבער אהרן הכהן ווען ער האט אנגעצינדען די מנורה, האט ער אנגעצינדען אין יודישע הערצער דעם אור הגנוז וואס איז באהאלטן אין די תורה, אז מען זאל קענען זוכה זיין צו די ליכטיגקייט וואס איז דעמאלטס געווען. האט ער צוריקגעשטעלט דעם 'ויהי כן' וואס פעלט פון בריאת האור, אז עס איז געווען אזוי ווי עס איז געווען בשעת די בריאה.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר אהרן, בהעלותך את הנרות, ווען דו וועסט אנצינדען די נרות, וועט זיך דעמאלטס אנצינדען די נר מצוה ותורה אור, דו וועסט אנצינדען די אור וואס איז גנוז אין די תורה. 'ויעש כ"ן אהרן', אהרן האט מתקן געווען דעם 'כן', דעם 'ויהי כן' וואס פעלט ביי בריאת האור, האט אהרן מתקן געווען מיט דעם וואס ער האט אנגעצינדען די מנורה. מגיד שבחו של אהרן שלא שנה, אז עס איז נישט געווען קיין שינוי צווישן דעם ערשטען טאג און די איבריגע טעג, וואס ביי אלע טעג שטייט ויהי

כן, און דא שטייט נישט. ווייל מיט דעם וואס אהרן הכהן האט מדליק געווען די מנורה, האט ער צוריק געברענגט די אור וואס איז דעמאלטס געווען.

**דאס** זעלבע איז געווען מיט נח. נח איז געווען אין א פארשפארטע תיבה, די אורות האבן נישט משמש געווען, און מען האט געדארפט זעהן. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, צוהר תעשה לתיבה (ו-טז), אין רש"י איז דא א מחלוקת, צו ער האט געמאכט א חלון, אדער עס איז געווען א אבן טובה כדי ער זאל קענען זעהן. אבער ער האט נישט געדארפט האבן, נישט די אבן טובה און נישט א חלון. ווען נח האט געלערנט תורה, האט ער צוריקגעברענגט דעם אור וואס דער אייבערשטער האט גונז געווען אין די תורה, און ער האט זיך געקענט משתמש זיין דערמיט, און מיט דעם האט ער געמאכט א ליכטיגקייט אינווייניג אין די תיבה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די ווערטער פון די תורה, ווערן אנגערופן א תיבה. א ווארט ווערט אנגערופן תיבה. 'צוהר', די ליכטיגקייט וואס דו וועסט האבן אין די תיבה, 'תעשה', דאס קענסטו מאכן, 'לתיבה', דורך די ווערטער פון תורה און תפלה, דורך דעם קענסטו מאכן די ליכטיגקייט אין די תיבה. ער האט נישט געדארפט האבן א עקסטערע אור, ער האט צוריקגעברענגט די אור הגנוז וואס דער אייבערשטער האט גונז געווען אין די תורה, דאס האט ער געהאט אין די תיבה.

**און** עס איז נאך מער פארשטענדליך. ווייל לעולם האט דאך דער אייבערשטער געוואלט באשאפן די וועלט אז יעדער זאל זיך קענען משתמש זיין מיט דעם אור הגנוז. די סיבה פארוואס מען האט עס צוגענומען איז דאך נאר, ווייל מען האט געזען אז די רשעים זענען נישט כדאי אז זיי זאלן זיך משתמש זיין דערמיט. און אז יעצט ביי די מבול האט מען צוגענומען אלע רשעים פון די וועלט, איז דאך נישט דא קיין רשעים, איז דאך געבליבן נאר נח מיט זיינע קינדער, קומט זיך דאך אז דער אור וואס דער אייבערשטער האט באשאפן ארגינעל, אז דאס זאל צוריק קומען פאר זיי, האט נח זוכה געווען נהנה צו זיין פון דעם אור הגנוז אינווייניג אין די תיבה. ער האט צוריקגעברענגט דאס וואס האט געפעלט בשעת די בריאה.

**וועגן** דעם, ווען די תורה פארציילט אז נח האט געמאכט די תיבה, איז נישט נאר 'ויעש נח ככל אשר צוה אותו אלקים', אז ער האט געמאכט די תיבה, און ער האט אריינגעברענגט אלעס וואס דער אייבערשטער האט געהייסען, נאר 'כן עשה' ער האט אויך מתקן געווען דעם 'כן' וואס איז געווען בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די ליכטיגקייט.

*

**דער** לימוד מוסר השכל דערפון איז, יעדער יוד האט א אור הגנוז, אין א יעדע יוד איז באהאלטן א געוואלדיגע ליכטיגקייט. ווען א מענטש ווערט באשאפן, ווען ער קומט אראפ אויף דער וועלט, באקומט ער א נשמה, וואס איז נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז), די נשמה פון יעדן יוד איז א נר וואס לייכט אינעם מענטש. מען זעהט קליינע קינדער, וואס האבן נאכנישט טועם געווען א טעם חטא, זענען מקיים די מצוות וואס מען זאגט זיי אז מען דארף מקיים זיין, מיט א תמימות. זיי לערנען, און זיי דאווענען. דאס נעמט זיך אלץ, ווייל א יוד האט באמת אין זיך א געוואלדיגע ליכטיגקייט, נאר מען ווערט עלטער, הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי (קידושין פב.), מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, דאס נעמט אוועק די אמת'דיגע ליכטיגקייט. עס לעשט אויס נאך אביסל און נאך אביסל, ביז אמאל ווערט א מענטש אינגאנצן פארלאשן. אבער אין יעדן יוד איז דא א באהאלטענער אור, א אור וואס איז גנוז אין אים. און ווי אזוי טוט א מענטש באלייכטן דעם אור הגנוז, ווי אזוי קען מען נהנה זיין פון דעם אור הגנוז, דאס איז דורך תורה הק'. אין די תורה הק' האט דער אייבערשטער באהאלטן די ליכטיגקייט וואס דער באשעפער האט דעמאלטס באשאפן, די געוואלדיגע אור איז גנוז

אין די תורה. און ווען א יוד לערנט תורה, קען ער ארויסנעמען זיין אייגענע ליכטיגקייט וואס איז גנוז אין אים, ער ווערט א אנדערע סארט יוד דורך דעם וואס ער לערנט תורה. דורך דעם וואס ער ליגט אין תורה און ער טראכט אין תורה, טוט עס באלייכטן דעם מענטש. והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך, עס ברענגט אריין א ליכטיגקייט אין די אויגן, עס ברענגט אריין א ליכטיגקייט אינעם נפש, עס ברענגט א ליכטיגקייט אין דביקות צום באשעפער, אינעם דאווענען ווי אזוי א יוד דאווענט, אלעס ווענט זיך אין קדושת התורה, אן תורה קומט מען נישט צו צו גארנישט.

**מילא** די וואס זענען תורתן אומנתם, אשרי חלקם. זיי האבן שטענדיג די תורה הק', זיי האבן מיט וואס זיך צו דערווארימען, אבער אפילו ער איז נישט זוכה אז ער זאל זיין תורתו אומנתו, דער אייבערשטער האט דאך באשאפן די וועלט, אז הנהג בהם מדת דרך ארץ (ברכות לה:), אבער מיט דעם וואס א יוד איז זיך קובע אין תורה, ער לאזט נישט אדורך א טאג אן דעם וואס ער זאל זיין פארבינדען מיט די תורה הק'. ער האט זיינע שיעורים וואס אין דעם ליגט ער, און אין דעם לעבט ער, דאס איז זיין חיות וואס ער האט אין תורה, טוט עס באלייכטן זיין נפש. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, מען דארף היינט האבן אסאך סייעתא דשמיא זיך צו קענען פירן ערליך, פון די נסיונות הזמן וואס איז דא. די ביסעלע תורה וואס מען לערנט, דאס טוט דערווארימען דעם מענטש, און דאס טוט ליכטיג מאכן דאס הארץ פונעם מענטש, צו גיין אויפן ריכטיגען וועג.

*

**מען** זיצט ביי א סיום סיי פון ששה סדרי משנה, און סיי פון די מסכתא וואס מען האט געלערנט אין די חבורה פון '**ובהם נהגה**', וואס עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר אונז אלע. **אפשר אין אנהייב האט מען געדארפט רעדן דערפון מער, ארייצוברענגען די געפיל, וואס דאס מיינט אז מען האלט מיט יעדן טאג דעם עמוד, און מען לערנט עס, און מען חזר'ט עס איבער. אבער היינט ווען מען האלט שוין א שטיק צייט שפעטער, ווער עס האט טועם געווען דעם טעם דערפון, טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה. די וואס האבן טועם געווען די טעם דערפון, ווייסן וואס דאס מיינט א בלאט גמרא, און זיי ווייסן וואס פאר א טעם עס האט, ווען מען קען די בלאט גמרא.**

**עס** איז ב"ה דא אסאך ערליי שיעורים וואס מען לערנט, עס איז דא וואס לערנען יעדן טאג א גאנצן בלאט, אשרי חלקו פון דעם וואס קען ענדיגן א גאנצן בלאט גמרא. ער לערנט זיבן בלאט גמרא א וואך, און מען געדענקט עס, און מען קען עס, און מען גייט אדורך די בחינה פון 'דרשו' דערויף, אדרבה יגדיל תורה ויאדיר. אבער נישט יעדער קען דאס באווייזען, נישט יעדער איינער האט געגוג צייט אז ער זאל קענען אפלערנען א בלאט גמרא, און ער זאל עס קענען, און ער זאל עס געדענקען, און ער זאל עס קענען איבער'חזר'ן, ער זאל עס נישט פארגעסן ווען ער לערנט דאס קומענדיגע בלאט, נישט יעדער קען עס באוויזען. **אבער א עמוד גמרא א יעדן טאג, איז נישט דא קיין איינער פון אונז, וואס זאל עס נישט קענען באווייזען. יעדער איינער קען אנקומען צו לערנען א עמוד גמרא א טאג, און איבער'חזר'ן די עמוד וואס מען האט געלערנט נעכטען.** ווער עס חזר'ט איינמאל און צוויי מאל, און סוף וואך חזר'ט ער נאכאמאל איבער די בלעטער וואס ער האט געלערנט, ער האט וואס צו טראכטען א גאנצע טאג ווען ער איז ביי די ארבעט. א עמוד גמרא וואס ער האט שטאטערהייט אדורכגעלערנט, און ער האט עס איבערגעג'חזר'ט, קען ער שטענדיג טראכטען די קשיא פון די גמרא, און די תירוץ פון די גמרא, און די קשיא פון רש"י. עס איז דא מיט וואס ער זאל טראכטען אין תורה, און דורך דעם וואס מען ליגט אין תורה, דאס איז דער אור, די ליכטיגקייט, וואס טוט באלייכטן די וועג פועם מענטש.

**איך** וויל מחזק זיין די אלע וואס האלטן מיט, און חברא חברא אית ליה, **יעדער איינער זאל**

**זעהן צוזושלעפן נאך א חבר, וואס זאל אויך צוקומען צו די חבורה, און מיטלערנען דעם סדר.** א חברותא וואס לערנט צוזאמען האט א געוואלדיגע מעלה. ווען מען וויל שמועסן איינער מיטן אנדערן איז אנשטאט שמועסן שטותים מיט הבלים, קען מען רעדן דברי תורה. און ער האט וועם ער קען פרעגן, און ער קען איבערזאגן א גוטווארט וואס ער האט געהערט, א גוטע קשיא, אדער א גוטע תירוץ, מען לערנט דאך די זעלבע ענין איינער מיטן אנדערן, עס איז א געוואלדיגע חשיבות. - **און כל שכן אז מען קען זיך קובע זיין צו לערנען דא אין בית המדרש**, ווי עס איז דא מער די לימוד בחברותא, וואס איינער קען ארויסהעלפן דעם צווייטען, און עס ברענגט צו א חשקות התורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אנהייבן דעם קומענדיגע מסכתא, און מסיים זיין די קומענדיגע מסכתא, און אסאך מסכתות, און מען זאל אויך קענען איבער'חזר'ן די מסכתא וואס מען האט שוין געלערנט. ווען מען האט פרייע צייט, זאל מען איבערגיין די לימודים פון פריער. זאל דער באשעפער געבן, חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען ווייטער אויך ממשיך זיין און לערנען.

*

**עס** איז אויך א סיום משניות. עס איז א גרויסע שאד היינט, אז מען האלט עס נישט מיט געהעריג. עס איז געבליבן א נחלה נאר פאר עלטערע בעלי בתים, און דער יונגער עולם כאפט זיך נישט צו, צו קיין משניות. און עס איז א שאד. **מען קען לערנען יעדן טאג צוויי דריי משנה'ס, און מען האלט ביי א סיום ששה סדרי משנה. עס איז נישט אזוי שווער צו לערנען, עס איז ממש א פאר מינוט. מען לערנט יעדן טאג צוויי דריי משנה'ס, און מען לערנט אדורך ששה סדרי משנה.** איך אליין האב געלערנט ששה סדרי משנה נישט איין מאל און נישט צוויי מאל. איך האב פארגעלערנט ברבים יעדן טאג ממש נאר א פאר מינוט, די פאר משנה'ס וואס מען האט געלערנט. עס גיט א ידיעה אין כל התורה כולה. **נישט יעדער איינער איז זוכה צו ענדיגען ש"ס, אבער זוכה זיין צו ענדיגען ששה סדרי משנה איז נישט אזוי שווער.** וואס מען קען צוגעבן דערצו, האט אוודאי א חשיבות.

**אז** מען רעדט שוין, וויל איך בעטן, אז מען זאל מחזק זיין די מנינים דא אין בית המדרש. עס איז נישט דא א מקוה דא אויף די קורצע צייט, אבער פון דעסטוועגן דאך, דארף מען ווייטער דאווענען מיט די זעלבע חשק, און מיט די זעלבע חברותא צוזאמען. מען דאווענט שטאט, מלה במלה, האט עס א געוואלדיגע חשיבות, אז מען זאל עס ווייטער אנהאלטן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען נאר מתוך שמחה וטוב לבב, אלע תנאים און אמוראים וואס זענען אויסגערעכנט אין די מסכתא זאלן אונז באגלייטן, און זיי זאלן אונז בענטשען. מען גייט אריין אין א נייעם יאר, מען דארף האבן אסאך הרחבת הדעת אין משך פונעם יאר, אז מען זאל קענען אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון אין משך פונעם לעבן. תחל שנה וברכותיה, עס זאל זיין א שנת ברכה און הצלחה, פרנסה בריוח און הרחבת הדעת פאר יעדן איינעם. דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה, און מיר זאלן זוכה זיין צו בני חיי ומזוני רויחי, און צוזאמען אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## במסיבת תנאים של החתן יקותיאל דוב בלום ני"ו
## עם בת הר"ר שמחה פריעדמאנן הי"ו

מוצאי שבת קודש פרשת נח תשע"ג לפ"ק

**שלמה** המלך זאגט אין קהלת (ז-כח), אדם אחד מאלף מצאתי, זאגט דער מדרש (ויק"ר ב-יא), אלף נכנסין לבית המדרש, טויזנט תלמידים גייען אריין אין בית המדרש לערנען, אבער נאר אחד

מהם יוצא להוראה, פון די טויזנט קומט ארויס נאר איינער וואס קומט צו, צו די שלימות פון תורה. די מדרש איז מחלק וויפיל עס קומען ארויס צו משנה, און וויפיל עס קומען ארויס צו תלמוד. און צו הוראה, צו שלימות התורה, קומט נישט ארויס נאר אחד מאלף, איינס פון טויזנט. פארוואס טאקע. אז אלף זענען נכנסין לבית המדרש, און מען זיצט און מען לערנט, פארוואס זאל נישט ארויסקומען פון די אלף מער פון אחד וואס איז יוצא להוראה.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **כתב סופר** (פ' בראשית ד"ה לא טוב), אז די צווייטע העלפט פון די פסוק, ואשה בכל אלה לא מצאתי, דאס פארענטפערט פארוואס עס איז נאר אחד מאלף יוצא להוראה. ווייל פון דעם וואס מען לערנט אין די יונגע יארן, פון דעם אליין קען מען נאכנישט אויסוואקסען א גדול בתורה. די קורצע יארן וואס מען איז אין ישיבה און מען לערנט, דעמאלטס לערנט מען זיך נאר אויס ווי אזוי צו לערנען, אבער נישט אז מען זאל קענען דעמאלטס שטייגען אין תורה. אז מען איז זוכה, מען האט חתונה, און מען שטעלט אויף א שטוב, מען קומט אריין אין א שטוב וואו עס איז דא אהבת תורה, וואו מען האט ליב תורה, און מען האט א שווער וואס איז מחזיק תורה, און דער אייבערשטער שיקט צו א זיווג וואס איז א עזר כנגדו, זי העלפט אים צו אז ער זאל קענען לערנען, דעמאלטס וואקסט מען אויס א תלמיד חכם. און דאס איז שווער צו טרעפן, אז א מענטש זאל זוכה זיין אז נאכדעם וואס ער זיצט און לערנט, זאל ער קענען טרעפן אזא שידוך וואס זי זאל זיין א עזר כנגדו, און אים צוהעלפן צו זיין לימוד התורה, און די גאנצע שטוב וואו מען קומט אריין זאל זיין מלא מיט אהבת התורה, דאס טרעפט מען וועניג, און וועגן דעם איז נאר אחד מהם יוצא להוראה.

**זאגט** דער פסוק, 'אדם אחד מאלף מצאתי', פארוואס האב איך נאר געטראפן אחד מאלף וואס איז יוצא להוראה, ווייל 'ואשה בכל אלה לא מצאתי', איך האב נישט געקענט טרעפן א אשה וואס זאל זיין צוגעשטעלט דערצו, אז ער זאל קענען זיין דער אחד מאלף.

**עס** קען זיין, אז אין די אנהייב פונעם פסוק אליין, ליגט אויף דער תירוץ דערויף. די גמרא (שבת קד.) זאגט, אז די דרדקי זענען געקומען, און זיי האבן גע'דרש'נט די אל"ף בי"ת. א' ב' גייט ארויף אויף לימוד התורה, אל"ף איז לערנען, און בינה דאס איז די תורה. ג' ד' דאס איז גמול דלים, דאס גייט ארויף אויף גמילת חסדים. ה' ו' דאס איז שמו של הקב"ה. על כל פנים, לימוד התורה ווערט אנגערופן אלף. פארוואס ווערט לימוד התורה אנגערופן אלף? עס קען זיין, אז אין דעם אות אלף אליין, ליגט דער ענין פון לימוד התורה. אלף ווערט געשריבן א' ל' ף'. דער ל' דאס איז לימוד, דאס ווייזט אויף לערנען. דער אות פ' איז דער פה, די מויל. די גמרא (עירובין נד.) דרש'נט ערוכה בכל ושמורה (שמואל ב כג-ה), אז די תורה האלט זיך נישט נאר ווען עס איז מוציאיהם בפה. תורה וואס מען לערנט במחשבה אליין, איז נישט גענוג. אז מען וויל אז תורה זאל זיך האלטן, איז עס נאר ווען עס איז ערוכה ברמ"ח אברים. ווען א מענטש זאגט עס ארויס, ער לערנט מיט א חיות, דעמאלטס איז עס שמורה, דעמאלטס איז די תורה אפגעהיטן. ליגט אין די ל' מיט די פ', דאס ענין פון לימוד התורה וואס דארף זיין בפה.

**אין** די אות א' ליגט אויף דער ענין צוצוקומען צו שלימות התורה. די גמרא (מגילה ו:) זאגט, יגעת ומצאת תאמין, ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, טרעפט ער די תורה. אבער דאס איז נאר לחדודי, צו פארשטיין תורה ווענט זיך וויפיל יגיעה מען לייגט אריין דערין. אבער 'לאוקמי גירסא', אז מען זאל זוכה זיין אז די תורה זאל זיך האלטן, 'סייעתא דשמיא', אויף דעם דארף מען האבן סייעתא דשמיא. און ווי רש"י זאגט, יש יגע ואינו מוצא, מען קען זיך פלאגן אויף תורה, אבער די תורה בלייבט נישט.

**וואס** איז די סייעתא דשמיא, אז מען איז זוכה אז תורה זאל זיך האלטן? אויף דעם זאגט די גמרא (תענית ז.), אז דברי תורה איז נמשלה למים, מה מים מניחין מקום גבוה והולכין למקום נמוך, וואסער לאזט איבער א הויך פלאץ, און עס גייט

אויף א נידריגע פלאץ. אזוי אויך איז תורה, תורה לאזט איבער א מקום גבוה, אז מען לערנט תורה מיט שטאלצקייט, בלייבט נישט די תורה. תורה איז דווקא במקום נמוך, אין א פלאץ וואס איז נידריג, דארט קומט אריין דער כח פון תורה. אז מען וויל אז די תורה זאל זיך האלטן, איז דא די א' מיט די ל' און די פ', אויסער די לימוד התורה דארף זיין מוציאיהם בפה, און א' וואס ווייזט אויף די קלענסטע נומער. דאס איז די שליסל, אז מען זאל קענען צוקומען אז מען זאל זיין פון די יוצאי להוראה.

**'אדם** אחד מאלף מצאתי', דאס אז נאר אחד איז יוצא להוראה, דאס איז ווייל עס איז 'אחד מאלף', ער האט דעם א' פונעם 'אלף', עס איז נישט נאר דא ביי אים דער ל' מיט די פ', אז ער זיצט און ער לערנט, נאר עס איז אויך דא ביי אים מדות טובות, וואס איז די בחינה פון מים, שמניחין מקום גבוה והולכין למקום נמוך, דארט ליגט די שלימות פון תורה. ווען א מענטש איז אדם אחד מאלף, ווען ער האט דעם 'אחד', דער אל"ף, פונעם 'אלף', דארט איז דא דער אחד וואס איז יוצא להוראה.

## בסעודת בר מצוה של הבחור יצחק מאיר פישער ני"ו
## בן הר"ר שמואל דוד פישער הי"ו

מוצאי שבת קודש פרשת נח תשע"ג לפ"ק

**אלה** תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו (ו-ט), דער טיטל וואס די תורה גיט אויף נח איז, אז ער איז געווען א צדיק תמים. שפעטער ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה (ז-א), רופט ער אים נאר אן צדיק. אבער ווען די תורה זאגט בעצם די תולדות פון נח, ווער די קינדער פון נח זענען געווען, ווען די תורה רעכנט אויס די מעלות פון נח'ס שטוב, איז די תורה מזכיר אויף אים, אז תמים היה בדורותיו.

**דער** ענין דערפון איז, נח האט געלעבט אין זייער א שווערן זמן, א דור וואס איז געווען פארדארבן, ותשחת הארץ לפני האלקים, ותמלא הארץ חמס, א גאנצער דור האט עובר געווען אויף אלע עבירות שבתורה, עס איז נישט געווען אפילו איין נארמאלע שטוב, וואס זאל זיך האלטן ערליך, ווייל אויב יא וואלט דאך דער שטוב אויך ניצל געווארן צוזאמען מיט נח. און נח האט געדארפט מחנך זיין א ערליכע שטוב, וואס זאל זיין פארן אייבערשטען. ווי אזוי באווייזט מען דאס, אז מען זאל קענען לעבן אין א דור המבול, די גאנצע וועלט ארום און ארום איז מושחת, און נח האט זוכה געווען, אז ער מיט זיינע קינדער זענען געבליבן ערליך.

**רש"י** (ז-ב) זאגט, בהמה הטהורה, למדנו שלמד נח תורה, נח האט געלערנט. ער האט געוואוסט וואס עס איז א בהמה טהורה, און וואס עס איז א בהמה טמאה, אפילו עס איז אינגאנצן נישט נוגע געווען דעמאלטס אויף הלכה למעשה, עס איז געווען פארן מבול, און מען האט ממילא נישט געמעגט עסן קיין בהמות, נישט קיין טמאה און נישט קיין טהורה, ביז נאכן מבול ווען דער אייבערשטער האט מתיר געווען צו עסן בעלי חיים, אבער פון דעסטוועגן דאך איז ער געזעסן און עוסק געווען בתורה. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), עס איז נישט דא קיין אנדערע תבלין אקעגן דעם יצר הרע, נאר לימוד התורה. און ווייל נח איז געזעסן און עוסק געווען בתורה, האט ער געקענט בלייבן א צדיק תמים, אפילו מען איז ארומגענומען מיט א דור ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט דעמאלטס.

**און** נישט נאר זיך אליין האט ער געהאלטן דעמאלטס, די השפעה פון תורה וואס איז דא אין שטוב, ווירקט אויך אויף די קינדער. אז נח איז געזעסן א גאנצע טאג און עוסק געווען בתורה, האט ער געהאט א כח, אז אפילו זיינע קינדער וואס זענען געווען צוזאמען מיט אים, כאטש זיי האבן נישט געהאט מיט וועם זיך צו חבר'ן, זיי האבן נישט געהאט מיט וועם צו שמועסן, פון דעסטוועגן דאך אז מען האט

צוגעקוקט ווי אזוי דער טאטע גיט זיך אוועק פאר תורה, האט עס געהאלפן דערצו, אז די תולדות נח זענען אויך געווען אזוי ווי נח.

**און** נח וואלט זיך געקענט מאכן א חשבון, וואס האב איך זיך צו פלאגן מיט מיינע קינדער. איז דען מעגליך אז מיינע קינדער זאלן אויסוואקסען ערליך אין אזא דור, מיט וועם וועלן זיי ארויסגיין, און מיט וועם וועלן זיי רעדן, אלע זענען פארדארבענע מענטשן. זיי זענען געווען עלטערע קינדער, זיי זענען אלט געווען הונדערט יאר בשעת מען איז אריין אין די תיבה, און מען וועט דארפן טון א שידוך, וואו וועל איך קענען טרעפן א שידוך פאר אזא קינד, פון אזא שטוב ווי מיין שטוב איז, עס איז נישט דא נאך אזא משפחה בעולם. פון דעסטוועגן דאך האט נח נישט געקוקט אויף גארנישט, ער האט מקיים געווען וואס עס שטייט אין די תורה, תמים תהיה עם ה' אלקיך (דברים יח-יג), און ווי רש"י זאגט, התהלך עמו בתמימות, ולא תחקור אחרי העתידות, א מענטש דארף נישט מאכן קיין חשבונות וואס עס וועט אויסוואקסען שפעטער, ער דארף טון וואס ער דארף צו טון. איך דארף לערנען תורה, און איך דארף מחנך זיין ערליכע קינדער. צו איך וועל עס קענען באווייזען צו נישט, דאס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, אבער נח האט געטון זיין עבודה פארן אייבערשטען בתמימות. און אויף דעם זאגט די תורה צו, תמים תהיה עם ה' אלקיך, ווי רש"י טייטשט, אויב דו וועסט זיך פירן מיטן אייבערשטען בתמימות, 'עם ה' אלקיך', וועסטו זיין עמו ולחלקו, דו וועסט זיין צוזאמען מיטן אייבערשטען.

**'אלה** תולדות נח', ווי אזוי האט נח באוויזען אהערצושטעלן אזעלכע תולדות? 'נח איש צדיק', פאר זיך אליין האט ער זיך געפירט בצדקות, און דאס האט געהאט א השפעה אויף די קינדער אז זיי זאלן אויך זיין ערליך. און 'תמים היה בדורותיו', ער איז געגאנגען מיטן אייבערשטען בתמימות, אפילו איך זעה נישט ווי אזוי איך וועל עס קענען באווייזען, ווי אזוי איך וועל קענען ממשיך זיין אין דעם וועג, מיט דעם חינוך וואס איך גיב זיי דא, עס איז א פארדארבענע דור. פון דעסטוועגן דאך האט ער נישט געקוקט דערויף, נאר ער האט געטון זיינס. 'את האלקים התהלך נח', איז דער אייבערשטער געווען צוזאמען מיט נח, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אז זיין גאנצער שטוב איז ראוי געווען אז זיי זאלן אריינקומען אין די תיבה.

**דאס** איז דער מוסר השכל. א בחור וואס ווערט בר מצוה, דארף וויסען אז עס איז נישט דא קיין אנדערער כח, נאר תורה הק'. אז מען וויל זיך פירן ערליך, אז מען וויל בלייבן ערליך, דארף זיך א מענטש מדבק זיין אין תורה, יעדע פרייע מינוט נוצט מען אויס פאר לימוד התורה. ב"ה דער בר מצוה בחור ווערט נתחנך אין א שטוב וואו מען זעהט א טאטע וואס איז פארנומען מיט בויען תורה א גאנצע טאג, מיט די נעכט, און די שבתים, מען איז פארנומען מבוקר ועד ערב מחנך צו זיין יודישע קינדער. באצאלט עס דער אייבערשטער נאכדעם, אז מען זעהט נחת ביי די אייגענע קינדער. די פלאג וואס מען לייגט אריין פאר תינוקות של בית רבן, ווערט באצאלט ביי די אייגענע דורות. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל אים קענען ווייטער אויך מגדל זיין און מחנך זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און די זיידעס און די עלטער זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט ערליכע יודישע דורות, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

---

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת נח תשע"ג לפ"ק
## ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת לך לך תשע"ג לפ"ק

---

**די** תורה פארציילט, אז ווען דער מבול האט זיך געענדיגט, און נח האט געעפנט די חלון התיבה, האט ער נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך אינדרויסן, צו די וואסער איז שוין גרינגער

געוואָרן צו נישט, האָט ער גענומען דעם עורב, און ער האָט אים אַרויסגעשיקט, אַז ער זאָל גיין קוקן צו עס איז געוואָרן גרינגער דער וואַסער. און דער עורב איז נישט אַוועקגעגאַנגען, נאָר ער איז געגאַנגען יצוא ושוב, ער האָט זיך אַרומגעדרייט נעבן די תיבה, ער איז נישט געגאַנגען. האָט ער געשיקט נאָכדעם די יונה. די ערשטע מאָל איז די יונה אַרויסגעגאַנגען און זי איז צוריקגעקומען, ווייל זי האָט נישט געטראָפן אַ מנוח לכף רגלה, וואו זי זאָל זיך קענען אָראָפּשטעלן. אַ וואָך שפּעטער האָט ער נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט די יונה, און די יונה איז צוריק געקומען מיט אַ עלה זית טרף בפיה, זי האָט צוריקגעברענגט אַ עלה פון אַ זית. האָט ער געזען אַז עס איז שוין גרינגער געוואָרן, ווייל עס איז דאָ אַ עלה זית, אָבער אַז זי איז צוריקגעקומען, איז אַ סימן אַז די יונה האָט נישט קיין פּלאַץ אינדרויסן. די דריטע מאָל ווען ער האָט איר אַרויסגעשיקט, ולא יספה שוב אליו עוד, מער איז די יונה נישט צוריקגעקומען.

**אין** מדרש (תנחומא תצוה ה) שטייט, אַז ישראל זענען נמשלו ליונה. הנך יפה רעיתי, הנך יפה עיניך יונים (שיר א-טו). די פּסוק רעדט פון יודען, הנך יפה רעיתי, כלל ישראל איז שיין. הנך יפה, עיניך יונים, דיינע אויגן זענען אַזוי ווי די טויבן. זאָגט די מדרש, אַז די יונה דאָס איז אַ דוגמה לישראל, די יונה איז אַ משל אויף יודען. ווען נח האָט אַרויסגעשיקט די יונה, איז די יונה אַרויסגעגאַנגען און זי האָט צוריקגעברענגט אַ אורה לעולם, זי האָט צוריקגעברענגט ליכטיגקייט אויף די וועלט, אַזוי אויך יודען צינדען אָן די מנורה אין בית המקדש, און מאַכן ליכטיג מיט שמן זית. - די יונה האָט זיי געברענגט אורה לעולם, ווייל זי האָט געברענגט אַ עלה זית טרף בפיה, און פון זית מאַכט מען דאָך שמן, און שמן ברענגט ליכטיגקייט. און אַזוי ווי די יונה האָט געברענגט אורה, אַזוי ברענגט כלל ישראל אויך אורה לעולם. עס איז אַביסל שווער צו פאַרשטיין די מדרש, ווייל די יונה האָט פּונקט געברענגט אַ עלה זית, וועגן דעם זענען ישראל נמשלו ליונה, אַז יודען צינדען אויך אין בית המקדש. - און די יונה האָט נאָר געברענגט אַ עלה זית, זי האָט נישט געברענגט אַ זית. זית אַליין איז כאָטש דאָ שמן אינווייניג, וואָס ברענגט אורה, אָבער די יונה האָט נאָר געברענגט אַ בלעטל פונעם זית, דאָרט איז נישט דאָ קיין שום אורה. פאַרוואָס איז ער מדמה, אַז דער יונה האָט געברענגט אורה לעולם.

**עס** שטייט אין **זוהר הק'** (שלח קסד:) אַ דבר נפלא, אַז די דריטע מאָל וואָס מען האָט אַוועקגעשיקט די יונה, איז זי מער נישט צוריגעקומען. וואו איז די יונה געגאַנגען? זאָגט דער **זוהר הק'**, אַז מען האָט גענומען די יונה, און מען האָט עס אַרויפגעטראָגען אויבן אין הימל, און די יונה איז געבליבן לעבן אויבן, און ווען משיח וועט קומען, וועט די יונה ברענגען די קרוין פון מלך המשיח, און זי וועט עס אָנטאָן אויפן קאָפּ פון מלך המשיח.

**אין חתם סופר** (בפרשתנו כט.) איז דאָ אַ דבר נפלא, אויף דעם ביאור פון די עורב מיט די יונה. דער הייליגער **חתם סופר** זאָגט, אַז די גמרא (סנהדרין קח:) זאָגט, אַז דער עורב האָט געהאַט אַ טענה צו נח, דו שיקסט מיך אַרויס פון די תיבה, עס איז נאָר דאָ איין עורב אויף די וועלט, און די שיקסט מיך אַרויס פון די תיבה? וואָס וועט זיין, טאָמער די שר פון צנה, די שר פון קעלט, אָדער דער שר פון חמה, וועט פּוגע זיין אין מיר, און איך וועל שטאַרבן, וועט פעלן אַ בריה אחת בעולם, עס וועט פעלן אַ בריה אויף די וועלט. דו האָסט נישט קיין רחמנות אויף מיר, דו האָסט מיר פיינט, און דו שיקסט מיר אַרויס, אַזוי האָט זיך דער עורב אָפּגערעדט אויף נח.

**זאָגט** דער הייליגער **חתם סופר**, באמת איז דער עורב געווען גערעכט אַז ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין, אַזוי ווי דער אייבערשטער האָט געהייסען אַז נח מיט אַלע ברואים זאָלן זיין אין די תיבה, ביז מען באַקומט נישט אַ היתר פונעם אייבערשטען אַרויסצוגיין פון די תיבה, האָט מען נישט קיין רעכט אַרויסצוגיין. ביז דער באַשעפער האָט נישט מתיר געווען פאַר נח, צא מן התיבה אתה ואשתך וכו' (ח-טז), האָט ער

נישט געטארט ארויסגיין. יעדע רגע וואס ער איז געווען אין די תיבה, האט ער געטון א מצוה, ער האט מקיים געווען די ציווי פונעם אייבערשטען צו זיין אין די תיבה. איז געקומען נח, און ער האט געזאגט פאר דעם עורב, גיי ארויס, און קוק דיך אום וואס טוט זיך אינדרויסן. האט דער עורב גע'טענה'ט, דער אייבערשטער האט געהייסען איך דארף זיין דא אין די תיבה, איך האב נישט קיין רעכט עובר צו זיין אויף די ווערטער פונעם אייבערשטען.

**נח** האט אבער געזאגט פאר דעם עורב, אז די חכמים האבן א כח עוקר צו זיין א דבר מן התורה. דער אייבערשטער קען זאגן אזוי, אין די תורה קען שטיין איין וועג, אבער אויב די חכמים זעהן למיגדר מילתא, אז מען דארף טון אנדערש, האבן זיי א כח עוקר צו זיין א דבר מן התורה. אז איך הייס דיר אז דו דארפסט ארויסגיין, דארפסטו ארויסגיין. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, דער עורב איז געווען א אפיקורס, ער האט נישט מאמין געווען בדברי חכמים, ער טוט נאר וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, וואס די חכמים זאגן, דאס טוט ער נישט. דער אייבערשטער האט געזאגט מען זאל נישט ארויסגיין, און ער קען נישט צוריק גיין אין די תיבה, ווייל נח לאזט אים נישט אריין מוז ער זיין אינדרויסן, אבער ער רירט זיך נישט אוועק פון די תיבה, ער האט זיך ארומגעדרייט ארום די תיבה א גאנצע צייט. דער יונה האט יא מקבל געווען. דער אייבערשטער האט געהייסען בלייבן, און נח זאגט אז מען זאל ארויסגיין, דארף מען פאלגען וואס נח זאגט.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז רש"י (ח-ז) ברענגט צו, אז שפעטער אין די צייטן פון אליהו הנביא, ווען עס איז געווען די עצירת גשמים, האט דער עורב געברענגט פלייש פאר אליהו. ווייל די מעשה פון אליהו דארט, ווען ער האט צוריקגעהאלטן די גשם, איז געווען, ווייל מען האט נישט געפאלגט וואס דער נביא האט געזאגט, אז מען זאל נישט אויפבויען יריחו, וועגן דעם האט ער געברענגט א עצירת גשמים. און שפעטער ווען ער האט זיך באוויזען פאר אחאב, האט ער געהייסען אז די נביאי הבעל און די נביאי ה' זאלן ברענגען קרבנות, און עס וועט אראפקומען א פייער פון הימל, און דעמאלטס האט אליהו בהר הכרמל אויסגערופן ה' הוא האלקים, און ער האט מתיר געווען א איסור מן התורה, אז מען טאר נישט שחט'ן שחוטי חוץ, און ער האט געהייסען מען זאל יא שחט'ן אין הר הכרמל, אין חיפה, האט מען געשחטן די קרבנות. ווייל א נביא האט א כח עוקר צו זיין א דבר מן התורה. דער אייבערשטער האט געוואלט, אז דער עורב זאל צוקומען צו א תיקון אויף דעם וואס ער האט דעמאלטס נישט געפאלגט נח, האט דער באשעפער אוועקגעלייגט דעם עורב, אז שפעטער ווען אליהו וועט עובר זיין אויף א זאך פון די תורה, וועט מען דאך ווייזען דעמאלטס, אז מען דארף פאלגן וואס די חכמים זאגן, וועט דער עורב זיין דער וואס וועט צוהעלפן אליהו, און ער האט אים געברענגט צו עסן, אז אליהו זאל קענען אויספירן זיין שליחות.

**על** כל פנים, קומט אויס, אז די יונה האט אונז געלערנט, אז מען דארף פאלגן וואס די חכמים זאגן, אפילו ווען עס איז היפך דברי תורה. לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל (דברים יז-יא), אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל, ועל שמאל שהוא ימין, איז מען מחוייב צו פאלגן וואס די חכמים זאגן (ספרי יז). און דאס זאגט די מדרש, אז די יונה הביאה אורה לעולם, די יונה האט געברענגט ליכטיגקייט אויף די וועלט. די חכמים ווערן דאך אנגערופן עיני העדה, פארוואס הייסן די חכמים די אויגן פון די עדה, ווייל די אויגן פונעם מענטש דאס גיט די ליכטיגקייט פארן מענטש, אז ער זאל וויסן וואו צו גיין. יודען גייען נישט אויף די אייגענע אויגן, נאר די חכמי ישראל, זיי זענען די עיני, די אויגן, פון די עדה, ווייל יודען זענען מבטל זייער דעת. וואס חכמי ישראל זאגן, זענען יודען אויף זיך מקבל. און דאס איז געווען די מדריגה פון די יונה, וואס די יונה האט אויך אזוי געטון. כאטש דער אייבערשטער האט געזאגט, מען זאל זיין אין די תיבה, פון דעסטוועגן דאך, אז נח זאגט מען זאל ארויסגיין, איז די יונה ארויסגעגאנגען.

**שלמה** המלך רימט כנסת ישראל, הנך יפה רעיתי, כנסת ישראל איז שיין. הנך יפה, וואס איז דיין שיינקייט, עיניך, אז דיינע אויגן, יונים, איז אזוי ווי ביי די טויבן. אזוי ווי די יונה וואס איז געווען אין די תיבה, האט נישט געקוקט וואס ער זעהט מיט די אייגענע אויגן, נאר ער האט געקוקט וואס נח האט געזאגט. אזוי אויך יודען קוקען וואס די עיני העדה זאגן. אונזערע אויגן זענען אזוי ווי די יונה.

**ענדיגט** צו דער הייליגער **חתם סופר** א ווארט, און ער זאגט, דער עורב האט זיך אפגערעדט, אז ער האט מורא אז ער וועט שטארבען אינדרויסן, דער שר של צנה, אדער דער שר של חמה, וועט אים הרגענען, און עס וועט נישט זיין קיין עורב. אבער די יונה האט נישט מורא געהאט, די יונה איז ארויסגעגאנגען. **די יונה האט געוואוסט, אז ווען מען פאלגט וואס די חכמים זאגן, קען פון דעם נישט ארויסקומען קיין שאדן.** עס איז נישט מעגליך אז זי וועט פאלגען נח, און ארויסגיין פון די תיבה, און א שר של צנה, אדער א שר של חמה וועט קומען און פוגע זיין אין איר. און די יונה, דאס איז דער סימבאל פון יודען. אזוי ווי די יונה הביאה אורה לעולם, נישט די עלה זית וואס זי האט געברענגט, נאר דאס וואס זי איז ארויסגאנגען מיט די שליחות פון נח, דאס האט געברענגט ליכטיגקייט פאר די וועלט, צו ווייזען אז מען דארף פאלגען וואס חכמי ישראל זאגן. אזוי ווי די יונה האט געברענגט אורה לעולם, אזוי זענען יודען אויך נמשל צו די יונה.

**יודען** זענען אדורכגעגאנגען די אלע גליות'ן, און יודען האבן זיך געהאלטן. מיט וואס פאר א כח האבן זיך יודען געהאלטן אז מען זאל קענען דערלעבן די גאולה? דאס איז אלס נאר, ווייל יודען אין אלע דורות האבן מקיים געווען אלע גזירות וואס די חכמים האבען ארויפגעלייגט, און דאס האט צוגעברענגט, אז יודען זאלן זיך נישט אויסמישן מיט די אומות העולם. וועגן דעם האט דער אייבערשטער גענומען די יונה, וואס דאס איז די ערשטע מאל וואס מען טרעפט אין די תורה, אז מען האט געפאלגט חכמי ישראל אקעגן דעם וואס דער אייבערשטער האט געזאגט. זי האט געפאלגט נח, וואס נח האט געהייסען ארויסגיין פון תיבה. די יונה האט דער אייבערשטער אוועקגעלייגט, אז ווען משיח וועט קומען, וועט קומען די יונה, און זי וועט ארויפלייגען די קרוין אויף משיח, צו ווייזען, אז ווען מען פירט זיך אזוי ווי יענע יונה האט זיך געפירט, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן.